שנה ג'
נומער קל"ט
**פרשת עקב**
תשפ"ב

# קרית ברסלב בלעטל



א בריוו צו די רעדאקציע:

**לערנען ביי א שמחה הייסט נישט לועג לראש**

נייעס:

**סיום הש"ס פון הבחור המפיץ מרדכי לייב טירנויער נ"י**

נאך וועם הייס איך:

**איך הייס נאך מיין זיידע הרב נפתלי ראזענפעלד ז"ל מייסד בית לפליטות**

## כ"ו אב

# יומא הילולא קדישא

## פון הרה"ק מסאטמאר זי"ע





קרית ברסלב בלעטל

רעדאקציע:
**מרדכי אינדיג**
**אברהם משה שטראססער**
**אברהם הערש וועבערמאן**
**אברהם יצחק אייזנער**
**יחזקאל שרגא שארף**
**שמואל בער שניטצלער**

**צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אפגעשיקט צו אייער טיר רופט:**

718.387.2691

subscribe@kerenhadfusa.org

**צו אדווערטייזן אדער ארייננצושיקן א מעסעדזש צו די רעדאקציע בריוו אדער הגהות רופט:**

845.379.1161

136-Huschke Rd Hurleyville NY 12747

breslevofficeliberty@gmail.com

**קול ברסלב:** 212.444.9191

**חיזוק פאר די אידישע שטוב:**

212.444.9169

BRESLEVCENTER.COM

# א ווארט
פון דער רעדאקציע

## א ווארט אויף כ"ו אב

קומענדיגע וואך דינסטאג פרשת ראה כ"ו אב געפאלט די יארצייט פון הרב הקדוש מ'סאטמאר זכותו יגן עלינו. חז"ל זאגן (ברכות י"ח) גדולים צדיקים במיתתן יותר מבחייהם, צדיקים נאך זייער פטירה זענען זיי גרעסער ווי ווען זיי האבן געלעבט אויף דער וועלט.

רבי נתן איז דאס מסביר באריכות אין ליקוטי הלכות (חול המועד ד' סעיף ט"ו) פארוואס ס'איז טאקע אזוי, מיר ווען עס נישט דא אראפברענגען, ווער עס וויל דאס פארשטיין גרונטליך קען דאס לערנען פון אינעווייניג, אבער דאס איז זיכער אז אזוי איז עס, די כח פון צדיקים איז שטערקער ווען ער איז שוין נישט אויף דער וועלט, צוליב דעם איז א געוואלדיגע גרויסע זאך צו גיין צו א ציון פון א צדיק און זיך דארט אויסבעטן פאר אלעס וואס מען דארף, דארטן ווערן נתקבל די תפילות זייער גרינג, אזוי ווי דער הייליגער רבי זאגט אין ספר המדות (אות צדיק סימן קע"ג) על ידי השתטחות על קברי הצדיקים הקדוש ברוך הוא עושה לו טובות אף על פי שאינו ראוי לכך.

דער ראש ישיבה איז שטענדיג מעורר די אידן פון קרית יואל זיי זאלן נישט זיין קיין בטלנים, זיי זאלן זען זיך אריבערכאפן צום ציון אפילו נאר פאר אפאר מינוט, גאר אסאך ישועות האט מען שוין געזען פון זיך אויסבעטן דארט ביים ציון.

מער איבער דעם צדיק קוקט ביי דעם נייעם אפטיילונג "הילולא קדישא" דא אינעם בלעטל אויף עמוד 9.

ליינט און האט הנאה.

## זמנים Liberty

**פרשת עקב כ"ג אב תשפ"ב**

**הדלקת הנרות**......... 07:34
**מוצאי שבת**............ 09:03
**מנחה מערב ראה**.... 08:40

מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר א הערצליכן מזל טוב פאר א חשובע משפחה אין שטעטל

**מו"ה יוסף פרידמאן הי"ו**
**וזוגתו שיינדל תחי'**

**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת ביי דעם קינד און ביי אלע קינדער.

מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר א הערצליכן מזל טוב פאר א חשובע משפחה אין שטעטל

**מו"ה שלמה יאקאבאוויטש הי"ו**
**וזוגתו רבקה תחי'**

**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת ביי דעם קינד און ביי אלע קינדער.

## וועטער

| | | | |
|---|---|---|---|
| Fri 19 | 82°/59° | | Mostly Sunny |
| Sat 20 | 82°/60° | | Partly Cloudy |
| Sun 21 | 79°/60° | | Showers |
| Mon 22 | 79°/60° | | Scattered Thunderstorms |
| Tue 23 | 80°/60° | | Scattered Thunderstorms |
| Wed 24 | 80°/60° | | Scattered Thunderstorms |
| Thu 25 | 80°/59° | | Scattered Thunderstorms |
| Fri 26 | 79°/59° | | Scattered Thunderstorms |

געדענקט וואס דער הייליגער רבי זאגט
**די וועטער מבינים ווייסן נישט אל'ץ ריכטיג די וועטער וואס גייט זיין**
שיחות הר"ן רכ"א



# בריוו צו די רעדאקציע

## געדאנקען איבער דעם בלעטל

לכבוד די חשוב'ע מערכת פון "קרית ברסלב בלעטל" הע"י,

ב"ה מ'הערט צוריק זייער גוטע גרוסן פון חברים און ידידים ווי עס וואקסט די אינטערעסע אינעם בלעטל פון וואך צו וואך, בפרט ביי די וואס ווילן אריינברענגען אין שטוב ליינווארג וואס איז ריין פון יעדע חשש לשון הרע און פאליטיק, און אזוי אויך פון די גוי'אישע שיטות והמסתעף.

* * *

איך האב געוואלט קאמענטירן אויף די ארטיקל "גייט אייך צוריק קיין ברוקלין" אינעם רובריק צום פינטל, אז מוהרא"ש זכותו יגן עלינו פלעגט כסדר נאכזאגן פון הרה"ק דער קלויזנבורגער רב זצוק"ל, אז ער איז געווען זיכער אז נאך די צווייטע וועלט מלחמה וואס אידישע קינדער האבן נעבעך אזויפיל מיט געמאכט, און די דייטשן ימש"ו האבן נישט געמאכט קיין אונטערשייד צווישן אזא חסיד, אדער א צווייטער חסיד, פון אזא אפשטאם אדער אזי אפשטאם וכו' - וועט שוין נישט זיין אזא זאך ווי מחלוקת, מ'וועט זיך ליב האבן איינער דעם צווייטן, מ'וועט זיך קענען דערליידן איינער דעם צווייטן, מחלוקות - מאן דכר שמי'...?! אבער ליידער רוט נישט דער סמ"ך מ"ם און וועט טון אלעס אויף דער וועלט אנצודרייען מחלוקות וואו ער קען נאר, האט געזאגט מוהרא"ש.

דאס ציט א שטריך צו וואס עס ווערט דערציילט ביי די "שבת סעודה מיט'ן ראש ישיבה" אז דער ראש ישיבה האט באצאלט פון זיין אייגן געלט צו שליכטן א סכסוך, נישט קענענדיג אויסהאלטן אז מ'קריגט זיך, און ווי דער ראש ישיבה איז אונז כסדר מעורר צו לעבן בשלום און זיך ליב האבן איינער דעם צווייטן אויף אן אופן אז עס זאל שוין באשיינפערליך פארווירקליכט ווערן דעם דיבור פון הייליגן רבי'ן וואס דער ראש ישיבה חזר'ט כסדר אין די בריוון:

מיר דארפן מקיים זיין וואס דער הייליגער רבי זאגט (חיי מוהר"ן, סימן רצב): "הָעוֹלָם רָאוּי שֶׁיִּתְמְהוּ עַצְמָן עַל הָאַהֲבָה שֶׁבֵּינֵינוּ", די וועלט וועט זיך וואונדערן אויף די גרויסע ליבשאפט וואס וועט הערשן צווישן אייך.

* * *

ביי די מעשה פון תפילה דערציילט ידידינו ר' יצחק פאפנהיים הי"ו מנהל מוסדות היכל הקודש אין א"י ווי ער האט באוויזן מיט תפילה אויסצושטעלן דעם וועכנטליכער קונטרס "חזית איש"; עס איז געווען ווערד צו אפלאדירן די געטריישאפט און איבערגעגעבנקייט פון די עוסקי בצרכי ציבור באמונ"ה, צווישן זיי ר' יצחק, וואס גלייך ביים אנקומען אין שטעטל אנהויב פון זיין באזוך האט ער מיר געזאגט מיט איין שמחה אז ער האט מיטגעברענגט די פיילס וכדומה צו קענען אויסשטעלן דעם קונטרס בתכלית ההידור והיופי, אזוי ווי ער שטעלט דאס אויס יעדע וואך ביי זיך מיט זיינע כלי אומנתו.

* * *

דער רובריק "א שיחה פון דער ראש ישיבה שליט"א" איז הערליך שיין, זייער רייך און גוט געשריבן. אסאך מאל קען מען שפירן דעם תורה



לשמה'דיגער געפיל ווען ביי מער ווי אין איין גליון אדער קונטרס פונעם ראש ישיבה פון יענע וואך טרעפט מען א ספעציפישער נקודה שטארק ארויסגעברענגט ביי עטליכע פלעצער, יעצט צום ביישפיל די נקודה פון נאכגיין א צדיק, אן ערליכער איד, א מורה דרך וואס ווערט געברענגט אין די "שיחה" פון פרשת דברים-חזון, און א המשך דערצו אינעם בלעטל פון פרשת ואתחנן-נחמו, ווען אין די זעלבע צייט שרייבט דער ראש ישיבה אין א בריוו וואס איז געדרוקט אין קונטרס עצתו אמונה נומער 662:

"דָאס וִויכְטִיגְסְטֶע זַאךְ אִין לֶעבְּן אִיז הָאבְּן אַ מוֹרֶה דֶרֶךְ, אַן עֶרְלִיכֶער אִיד - וֶועמֶען מֶען פְּרֶעגְט בַּיי יֶעדֶע טְרִיט אוּן שְׁרִיט וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן וכו', אוֹיבּ מֶען לֶעבְּט אָן אַ מוֹרֶה דֶרֶךְ, מֶען הָאט נִישְׁט קַיין וֶועג וַוייזֶער, אַ דַיָין אָדֶער רָב וְכַדוֹמֶה וֶועם מֶען פְּרֶעגְט אוּן מֶען פָאלְגְט - אִיז מֶען אַ הֶפְקֵר מֶענְטְשׁ אוּן דִי קִינְדֶער וֶועלְן זִיךְ נִישְׁט הַאלְטְן אוֹיף דִי אִידִישֶׁע וֶועג, אוּן אַז מֶען הָאט אַ מוֹרֶה דֶרֶךְ, מַאן אוּן וַוייבּ בֵּיידֶע אִינְאֵיינֶעם הָאבְּן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד וֶועם מֶען פְּרֶעגְט - דַאן אִיז גוּט פַאר זֵיי אוּן גוּט פַאר זֵייעֶרֶע דוֹרוֹת. דֶערִיבֶּער זָאלְט אִיר פְּרֶעגְן אַייעֶר רָב, אַייעֶר דַיין - וָואס אִיר זָאלְט טוּן, וִוי אַזוֹי אִיר זָאלְט זִיךְ פִירְן".

אזוי אויך אין א בריוו וואס ערשיינט אין קונטרס 762:

"גֶעבּ אַ קוּק וִוי דִי וֶועלְט גֵייט, וִוי אַזוֹי מֶענְטְשְׁן פִירְן זִיךְ, עֶס אִיז אַזוֹי שְׁרֶעקֶעדִיג, עֶס אִיז אַזוֹי וִוי אַ שִׁיף וָואס פָארְט אַוֶועק פוּנֶעם רִיכְטִיגְן וֶועג, אוּן נָאר דֶער וָואס אִיז צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ אַ צַדִיק - דֶער בְּלַייבְּט אוֹיפְ'ן רִיכְטִיגְן וֶועג.

אַשְׁרֵינוּ מַה טוֹב חֶלְקֵינוּ אֲשֶׁר בַּנַחַל שָׁם גוֹרָלֵנוּ; מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוּנְז דָאס גֶעלֶערְנְט, מִיר זָאלְן מְחַזֵק זַיין אוּן מְחַנֵךְ זַיין דִי קִינְדֶער צוּ זַיין דָבוּק אִין עֶרְלִיכֶע אִידְן".

* * *

ביי די סעודה מיט'ן ראש ישיבה ווערט דערציילט אז פאר'ן מאכן קידוש האט דער ראש ישיבה זיך אנגערופן צו די קינדער: "קוקטס גוט וואס איך טו, אזוי וועלן ענק וויסן וואס צו טון נאך ענקער חתונה"; איך האב שוין עטליכע מאל געהערט ווי דער ראש ישיבה ערוועגט דאס, אז מ'זאל ארייגלייגן כוחות אויסצולערנען די קינדער ווי מער הלכות און פראקטיק אין קיום המצוות, עס זאל זיי אריינגיין אין די בלוט, א שטייגער ווי מצות באקן און נאך.

ווי אויך ווערט דארט דערציילט אז ביים שמועסן פאר קידוש האט זיך דער ראש ישיבה אנגערופן: "איך קען נישט זיין א שיינער איד אויף יענעמ'ס חשבון, די געסט זענען הונגעריג, מען וועט באלד שמועסן"; עס איז באוויסט אז דער חפץ חיים זכותו יגן עלינו האט זיך אזוי געפירט, אז ווען ער האט געהאט געסט האט ער אכטונג געגעבן זיי נישט אויפצוהאלטן און זיך שנעל געוואשן צו די סעודת שבת, ווי עס ווערט אראפגעברענגט אין עטליכע מקורות.

* * *

ביי די "נקודות טובות" אפטיילונג שרייבט ידידינו ר' ישראל חיים ברוין הי"ו וועגן אריינכאפן צו לערנען בשעת א שמחה; בדידי הוה עובדא, איך בין אמאל געווען ביי א חתונה, און דער גראמער איז געווען גוט אויסגערוט ביי די מצוה טאנץ, ס'איז געווען ממש לילה כיום יאיר, איך האב געפילט ווי די צייט גייט מיר לאיבוד, האב איך ארויסגענומען מיין משניות'ל, אבער איך האב געקווענקלט צי איך זאל יא לערנען דארט אדער נישט, נעבן מיר איז געזיצן הרה"ג רבי חיים קלמן גוטמאן שליט"א מו"ץ בקיט"ל דסאטמער, ער האט באמערקט ווי איך קווענקל זיך אזוי, האט ער זיך אנגערופן: "לערנען ביי א שמחה הייסט נישט לועג לראש..." ודפח"ח (ער האט גראדע אויך געהאט א ספר מיט זיך און געלערנט).

כיהודה ועוד לקרא וואלט איך געוואלט צוברענגען צום נקודה וואס ר' לייבי ראטה ברענגט דארט, איבער דאס גרויסקייט פון לימוד הזוהר - פון א בריוו פונעם ראש ישיבה שליט"א, א מכתב יומי פון יום ד' בהר, ל"ד בעומר, וואו דער ראש ישיבה שרייבט:

מאך זיך א שיעור אין דעם הייליגן זוהר, מאך זיך א שיעור אין תיקונים; לערן אפילו נאר אביסעלע. אנשי שלומינו זאגן: "זוהר האט אזא כח, עס שלעפט אין מקוה"; מען וויל דאך לערנען זוהר - גייט מען אין

מקוה, מען לערנט נישט זוהר אן מקוה, קומט אויס אז מען ווערט שוין געריינִיגט פון נאר ווען לערנען זוהר.

יישר כחכם פאר די הערליכע אויסגאבע

**יואל שניטצלער קרית ברסלב ליבערטי**

## א איבערבליק מיט די ברסלב'ע ברודער אויף קול ברסלב

א גרויסן שכח פאר די מערכת פארן אהערשטעלן יעדע וואך אזא שיינע בלעטל, איך בין זיך ממש מחי', ס'איז הערליך שיין.

איך האב מיך געוואלט באדאנקן פאר די נייע הערליכע אפטיילונג אויף קול ברסלב "א בליק מיט די ברסלב'ע ברודער", וואס דער רעדאקטער ר' אברהם הערש נרו יאיר צוזאמען מיט זיין חשובע עלטערע ברודער ר' יואל נרו יאיר שטעלן אהער יעדע וואך אויף קול ברסלב, עס איז גאר שיינע שיחות חברים, ובפרט די נייעס וואס ווערט אויסגעשמועסט יעדע וואך, הגם דער ראש ישיבה לערנט אונז אז מ'זאל נישט הערן קיין נייעס, אבער ס'איז באקאנט אז ר' נתן פלעגט אלץ פרעגן מענטשן וואס טוט זיך אין די נייעס און אזוי אריינגעברענגט דעם אייבערשטן.

ברוך השם ס'איז דא אזא שיינע אפטיילונג אויף קול ברסלב, וואו מ'נעמט די נייעס און מ'זעהט וואס מ'קען ארויסנעמען לעובדא ולמעשה. אזוי ווי דער ראש ישיבה האט דערמאנט לעצטע וואך ביים שיעור, די מעשה פון דער הייליגער בעל שם טוב מיט די תלמידים, אז אלעס וואס פאסירט קומט נאר פונעם אייבערשטן.

אלץ בחור האב איך געוואוינט אין בראכפעלד אין ארץ ישראל, וואו ס'איז געווען א חבורה פון בחורים - ואני בתוכם - וואס האבן נאר פרובירט ווי מער עוסק זיין אין הפצה, אבער ס'איז א ליטווישע שטאט דארט, און גאר ווייניג האבן גענומען די קונטרסים, מ'האט ממש געשפירט ווי מ'טאפט א וואנט.

אבער ס'איז מיר געווען אינטערסאנט צו הערן פאריגע וואך די שמועס פון די ברסלב'ע ברודער ווי זיי פארציילן דארט אז איינע פון די אנגעזעענע אידן אין בראכפעלד זענען געווען אין שטעטל פאר שבת און גאר שטארק הנאה געהאט דארט. דאס האט מיך געלערנט אז אסאך מאל גייט מען הפצה און מ'שפירט ווי מ'טוט גארנישט אויף, אבער יארן שפעטער ווערט הערן אז איינער איז מקורב געווארן דורך דיר.

**נחמי' פאקשער לאנדאן.**

## ביטע נישט פארן שנעל אין שטעטל

בעזרת ה' יתברך יום ד' פרשת חקת, ז' תמוז, שנת תשפ"ב לפרט קטן

לכבוד מיין טייערער אברהם הערש נרו יאיר

די שטעטל בלעטל וואס דו געבסט ארויס ווערט שענער און שענער. דאס איז געווען מיין חלום; עס וועט קומען א צייט וואס אנשי שלומינו וועלן האבן וואס צו לייענען, אן אויסגאבע אנגעפילט מיט אמונה, תפלה, עצות פון הייליגן רבי'ן.

**ביטע לייג אריין וואך נאך וואך א בקשה פאר אנשי שלומינו, מען זאל אכטונג געבן צו פארן שטייט, מיט אחריות - אין די גאסן פון שטעטל.**

די שטאטישע באאמטע האבן געלייגט סיינס אז מען קען פארן ביז פערציג מייל א שעה; דאס איז לויט זייער קאפ, אז עס וואוינען דא אלטע מענטשן אנע קינדער, למעשה איז נישט אזוי, **מען טאר נישט פארן אזוי שנעל**, די גאסן זענען פול מיט קינדער, עס איז ממש סכנת נפשות. איך האב שוין געבעטן און געשריבן, אבער איך רעד צו טויבע אויערן, מען הערט נישט.

בעט איך דיר, לייג א גרויסע מודעה מיט גרויסע אותיות, וואך נאך וואך, ביז עס וועט אריינגיין אין אנשי שלומינו, מען זאל וויסן אז דאס איז זייער מסוכן, מען קען הרג'ענען חס ושלום; עס איז שוין אפאר מאל געווען קליינע קינדער אויפ'ן ראוד השם ישמרינו.

**פון דער ראש ישיבה**

# צום פינטל

## איין ביים

אלע קינדער לויפן ביז'ן בוים מיט די געלע צייכן! קיינער לויפט נישט ווייטער!

ווער געדענקט די ביימער וואס מיר האבן געבויט דארט אלע יארן די טר"י האויזע"ס? עס האט געהאט ספרע"י פעינט גרויסע געלע אותיות פון אויבן ביז אראפ.

קינדער! עס איז זייער א סכנה'דיגע שיפע בערגיגע וואלד, עטץ זעטס דעם ריזיגן פעלזן שטיין, פון דארט קען מען זען די הערליכע פאנאראמע, ממש די גאנצע מאונטענס זעט מען פון דארט, מען דארף אבער זייער אכטונג געבן, אז מען גייט צו ווייט דארט קען מען חס ושלום ארייינפאלן ביז'ן תהום... נאכאמאל! קיינער....גייט נישט... ווייטער...פונעם דיקען בוים מיט די געלע פארב!

ווער איז געגאנגען ווייטער? ווער איז געגאנגען נאכן בוים? קומט אלע צוריק, עס איז נישט דא קיין קומזיץ היינט, אויס טריפ! ווער איז געגאנגען ווייטער פונעם בוים? איך וויל פון גארנישט הערן, אלע קינדער קומען צוריק!

דו ביסט געגאנגען ווייטער פון דעם בוים? קינדער טרעפן נישט דעם גרויסן אנגעצייכנטן בוים? פיין! ווארטס דא, איך וועל גיין פאראויס, אלע קינדער גייען שטאטערהייט אונטער מיר, פראבירט צו גיין שטיל, איר געדענקט דאך לעצטע יאר ווען מיר זענען געקומען דא האבן מיר געהאט צו טון מיט דעם אלטן שכן, פראבירט נישט צו מאכן קיין גערודער.

אינטרעסאנט, איך זע עס טאקע נישט, פארשווינדן די אלע שיינע זאכן וואס מיר האבן געבויעט אויפן בוים? ערגעץ דא פלעגן מיר שפאצירן פאריאר, ניין? ווער געדענקט? איך פארשטיי נישט, ווי איז געווען די שטיין ווי מיר פלעגן מאכן קומזיצן אלע יארן? ווילסט מיר זאגן אז מיר בלאנדזשענען?

איך האב נישט קיין פראבלעם צו גיין די וועג, אבער איך זוך נישט אנצוהייבן נאכאמאל מיט'ן גוי, מיר האבן שוין גענוג געהאט מיט אים, מיר האבן דאך געהאט אנגעצייכנט א וועג אז מיר זאלן נישט דארפן ארייינגיין אין זיין פראפערטי.

איך מיין אז מען זאל גיין ווייטער, קינדער ער קען אונז גארנישט טון, מיר וועלן גיין שטיל, און אז ער וועט ארויסקומען וועלן מיר אים זאגן אז מיר בלאנדזשען...

דער עיקר איז, קוקטס גראד, מיר דארפן אנקומען צו יענע הויכע פעלזן שטיין, דארט איז עס! די וועג איז זייער קענטליך, עס מוז זיין אז עס פעלט איינע פון אונזערע באליבטע הויכע גראבע ביימער, ווי מיר פלעגן בויען, האקן, ער איז נישט דא דער דיקער בוים, קוק זעסט די צייכענעס, דעס איז קלאר אונזער וועג פון די פארגאנגענע יארן,



נישט געפערליך, דער עיקר יענקעלע האסט געברענגט די גיטאר? יאסעלע האסט געברענגט די גריל? די ספיקער'ס אלעס איז דא? קוילן? פלייש? פיין, אבער איך זאג ענק נאכאמאל: "מ'קען אראפקוקן אבער נישט גיין נאנט צום עק, עס איז געפערליך מסוכן".

קינדער וואס זאגט איר צום אייבערשטנ'ס וועלט? הערליך! וואו אין שטאט זעט מען אזא סצענע? משוגע צו ווערן, זעסט די וואסער דארט, דאס איז מיילן אוועק, עס איז איינס פון די רעזערווארן פון ווי עס קומט די שטאטישע וואסער, הערליך! הערליך! מ'קען נישט זאט ווערן, אלעס האט דער אייבערשטער באשאפן פאר אונז, אז מיר זאלן דא קומען און זאגן וואוו! דער אייבערשטער איז אזוי גרויס, וואס קוקסטו דארט? דו זעסט אויך וואס איך זע? נישט גיין צו נאנט אבער קוקס גוט, יא, דער בחור איז דא, וואו! ווער האט געקענט גלייבן אז אזא דיקער בוים וועט אזוי אראפטראסקענען, דארט ליגט ער אן קיין צייכענעס פון לעבן... ממש כדומן על פני השדה, וואו! עס איז זיכער א פופצן צוואנציג שטאק אראפ, אבער דו זעסט קלאר די דיקע האלץ, יוא נעבעך די געביידע אלעס ליגט דארט אונטער דעם בארג, קוק גוט קענסטו נאך זען די גרויסע גלעע ערר"או, עס ליגט דארט טיעף אראפ, אונטן.

אלע זעצן זיך אין א גלייכע רינג ארום, די פייער האט זיך שנעל אנגעכאפט, קענסט אריינווארפן אפאר קליינע שפענדלעך, אוי איך האב פארגעסן די צעטל פון די ניגונים, אה דו האסט עס געברענגט? נאך א מזל... פיין! נו א C מעידשאר, זייער גוט! פאנג אן די אינטראו, הערליך שפילט עטץ, קרוץ מחומר מה מועיל לו... אלע קומען אריין! הארמאני! הערליך! שששש... איציק סאולאו! 'חומד... חומד ומתאוה את שאינו שלו...' נאכאמאל פון אנהייב, און יעצט מיט די אידישע ווערטער... 'יעדע קליינע זאך טוט אויף אסאך, טוט אויף א סאך, טוט אויף א סאך... עס לוינט זיך עס לוינט זיך צו כאפן א מצוה'לע...'

הע! זעלבע ניגון פון לעצטע וואך? נו וואס איז, א שיינע ניגון ווערט מען נישט מיד... די אלע היינטיגע נייע ניגונים זענען דיספאזעבל... מען זינגט עס אפאר מאל און עס גייט אין גארביטש...

שששש.... קינדער, די פלייש איז שוין דורכגעבראטן, און וויל ענק זאגן א אינטערעסאנטע זאך וועגן די בוים, עס איז דא א בוים עס הייסט א "עש טרי" אזוי רופט מען עס אויף ענגליש, איך ווייס נישט פארוואס עס הייסט אזוי, אזוי הייסט עס, קוק זעסט די ליידיגע ביימער וואס האבן נישט קיין בלעטער? אין די עש ביימער, האט זיך לעצטענס אריינגעכאפט אזא ווארימל, ביי מיר אין בעק יארד האב איך אויך געהאט, אבער נישט אזא דיקע בוים, ווי די וואס ליגט דארט... וואא! א גוטער ארבעט געמאכט...

דער קליין ווערימל שפאצירט זיך זיין וועג אהיים פון דער ארבעט, עס שטייט אים א ריזיגע בוים אין וועג, ער מוז פארקירעווען זיין וועג, שטעל דיך פאר די פארסט יעדן טאג א איבריגע שעה פון וויליאמסבורג קיין בארא פארק, נישט אלס טרעפיק אויס, מען האט צוגעמאכט א וועג דו דארפסט ארומפארן נאך א איבריגע שעה, פאר דעם ווארימל איז ארומגיין די בוים אזוי ווי פאר דיר א איבריגע צוויי שעה.

מען גייט פארקורצערן די וועג, יעדן טאג וואס ער גייט אריבער די בוים וואס שטייט אים אין וועג געבט ער א קליינע בייס, אלע לאכן פון דעם קליין ווארימל וואס, דער בוים איז א מויער, אפילו מענטשן אז זיי ווילן פטור ווערן פון דעם בוים גייט עס מיט מאשינען זעגן, האקן, ממש כלות הנפש, וואס איז דיין פלאן די קליין ווערימל?

אבער דער ווארים האט נישט קיין התפעלות, איך... גיי... דעם... בוים... אויסרייסן. עטץ קענסט אלע לאכן, איך בייס אריין אין די שטאם.

ווער געדענקט פאראיאר די פרעכטיגע שטארקע שטאלצע בוים, נישט קיין ווינט, נישט קיין הארריקעין, נישט קיין שטורעם ווינט, און נישט קיין מאשינען נישט קיין זעגן... א קליין צוקראכן ווערימל... יעדן טאג אפאר

ביסן, און פלוצלינג די בוים טריקענט, און שטארבט אפ מער און מער, דא קוקסט אויף די בוים... הילד איננו... קוק דא איז די שטאם פונעם בוים עס קריכן דארט א מיליאן ווערימליך... א בייס נאך א בייס מיט עקשנות... דאס איז וואס האט אראפגעברענגט די בוים.

* * *

יעדער פון אונז דרייט זיך ארום מיט זיין פעקל צרות, עס שטייט ווי א אייזערנע מויער, איך וועל נישט קיין חתן ווערן, איך וועל שוין קיין שלום בית נישט האבן, איך בין קראנק, אלע דאקטורים האבן שוין געזאגט אז עס איז עפעס וואס עס איז נישט דא קיין רפואה דערפאר, איך בין א פארפאלענער, דו ווייסט וויפיל טעלעפאנ'ס איך האב שוין צובראכן, ווייסט וויפיל מאל איך האב אנגעהויבן פון דאסניי, שמירת עיניים איז נישט פאר מיר, איך בין נישט בעל הבית אויף מיר, איך בין א כעס'ן איך ווייס נישט וואס צו טון, ווי אזוי קריך איך ארויס פון מיינע פחדים, ממש איך שטארב פון שרעק יעדע מינוט פון מיין לעבן, מיין מוח פלאצט מיר פון סטרעס.

איך וויל דאווענען, איך וויל רעדן צום אייבערשטן אבער עס איז עפעס נישט, איך האב נישט קיין צייט, קיין פלאץ, קיין מח, צו די צרות וואס איך מאך מיט, צו די נסיונות מיט וואס איך מוטשע מיך, מיט די נאטורן וואס איך האב, צו דעם דארף מען האבן יארן יארן תפילות! מען דארף איינרייסן וועלטן! מען דארף שפאלטן הימלען! מען דארף בוקע רקיעים זיין! מען דארף פארגיסן טייכן טרערן!

ווי קען איך בעטן, ווי קען איך שפאלטן הימלן ווי קען איך וויינען, קוים קוים קוים וואס איך קען זאגן איין ווארט צום אייבערשטן, ווי הארץ וואס הארץ, אלע מיינע רמ"ח אברים ושס"ה גידים זענען פארשטאפט, קוים וואס איך קען זאגן די ווארט טאטע!

אל תיראי תולעת יעקב, האב נישט מורא די 'ווערימל' יעקב. מתי ישראל אני עזרתיך, די קליין פאלק ישראל איך וועל דיר העלפן, נאם השם וגאלך קדוש ישראל, אזוי זאגט דער אייבערשטער דער גאט פון די אידן.

די ביסט נישט מער ווי א קליין פאלק, א קליין ווערימל, וואס קען שוין א ווערימל טון, גארנישט דער ווארים האט א פראבלעם מיט א אייזערנער בוים, עס שטייט פארענט פון אים, ער קען נישט ריקן ער קען נישט זאגן, ער קען זיך נישט שלאגן מיט די מעכטיגע פרעכטפולער שטאלצער בוים! ער קען נישט! קוקסט דארט אונטן, ווער האט אראפגעווארפן דעם בוים, דאס קליין ווארימל, מיט איר קליין פיסקל, יעדן טאג איין קליינע בייס.

האב נישט מורא, דיין צרה איז שטארק, מעכטיג, אלע לאכן פון דיר, די ווייסט קיינמאל דא גארנישט טוישן, איך ווייס אויך פון תפילה אבער פאר אזא צרה פאר אזא גזירה, פאר אזא צודרייטע נאטור, צו דעם דארף מען זעגן, האקן און קנאקן תפילות, קאנאנען, אמת! ביסט גערעכט! אזא צרה אראפצופליקן דארף מען גרויסע שווערע העק און מאשינען, אבער דער קליין צובראכן ווארימל קען עס מאכן מיט זיין קליין פיסק יעדען טאג א קליינע בייס און דער צרה איז פארשווינדן.

לאמיר נישט אונטערשאצן די מתנה וואס דער אייבערשטער האט אונז געגעבן - א מויל - לאמיר עס ניצן פאר קליינע פיצקעלע ביסן, לאמיר ווארפן תפילות: "אייבערשטער איך קען נישט מער, אייבערשטער איך בין פארשניטן פון דיר, אייבערשטער יעדער זאגט אז עס איז דערנאך מיט מיר, אייבערשטער איך וויל זיין גוט, אייבערשטער איך האב נישט קיינעם אויף די וועלט, אייבערשטער אויב דו ווערסט מיך נישט העלפן ווער וועט מיך העלפן", אוי די קליינע ביסן וואס מען רייסט אריין אין די צרה, נאך איין בייס נאך איין בייס, און פלוצלינג די צרה איז פארביי.

יעדע קליינע בייס טוט אויף א סאך טוט אויף א סאך טוט אויף א סאך!








# הילולא קדישא

כ"ז אב תשל"ט

## פאַרוואָס דאַרפֿן די ציוניִם רבנים

דֶער הֵייליגֶער סַאטְמָאר רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג זָאגְן וָואס דַארְפְן דִי רְשָׁעִים הָאבְּן רַבָּנִים, זֵיי גְלֵייבְּן דָאךְ אִין גָארְנִישְׁט? וָואס גֵייט זֵיי אַזוֹי אִין לֶעבְּן סְ'זָאל זַיין אַ רַבָּנוּת הָרָאשִׁית, נָאר דֶער טָמֵא הַיָּדוּעַ הָאט גֶעוְוּסְט אַז דִי סְפַרְדִישֶׁע אִידְן קֶען מֶען נִישְׁט מַעֲבִיר זַיין עַל הַדַּת נָאר אוֹיבּ זֵיי וֶועלְן קָאנְטְרָאלִירְן דִי רַבָּנִים, אַ רָב מִטַּעַם הַמְּדִינָה אִיז אִינְטֶערְגֶעקוֹיפְט פוּן זֵיי, טוּט עֶר וָואס זֵיי זָאגְן.

אִיבֶּערְדֶעם הָאבְּן זֵיי אַוֶועקְגֶעשְׁטֶעלְט טְרֵיפָה'נֶע רַבָּנִים וָואס דִי מִקְוֶה אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין מִקְוֶה, מְמֵילָא הָאט מֶען מַכְשִׁיל גֶעוֶוען אַלֶעמֶען מִיט כְּרִיתוּת, אַזוֹי וִוי דָא אִין יַבְנְאֵל, דִי פְלֵייש אִיז רַחֲמָנָא לִיצְלָן גֶעוֶוען טְרֵיפָה הָאט מֶען מַכְשִׁיל גֶעוֶוען אַלֶעמֶען מִיט טְרֵיפוֹת אוּן נְבֵילוֹת, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רַמְבַּ"ם זָאגְט אִין "אִגֶּרֶת תֵּימָן" וֶוער סְ'עֶסְט טְרֵיפוֹת אוּן נְבֵילוֹת, מִיט אִים אִיז שׁוֹין שְׁוֶוער צוּ רֶעדְן דִבְרֵי אֱמוּנָה, וָוארוּם וִויפֶער מְ'הָאט זִיךְ אָנְגֶעשְׁטָאפְּט מִיט טְרֵיפוֹת אוּן נְבֵילוֹת אִיז שׁוֹין שְׁוֶוער אַרַיינְצוּנֶעמֶען אִין זִיךְ לוֹיטֶערֶע אֱמוּנָה, אוּן אַזוֹי אִיז עֶר מַכְשִׁיל אִין אַנְדֶערֶע אִיסוּרִים, פְּסוּלֵי חִיתּוּן וְקִידוּשִׁין רַחֲמָנָא לִיצְלָן, נִישְׁט מֶען קוּקְט וֶוער הָאט חֲתוּנָה מִיט וֶועמֶען, מֶען אִיז מַרְבֶּה מַמְזֵרִים בְּיִשְׂרָאֵל רַחֲמָנָא לִישֵׁיזְבָן, אוּן דֵי זֶענֶען דִי רַבָּנִים אִין אַלֶע פַארְוָוארְפֶענֶע שְׁטֶעטְלֶעךְ אוּן קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט פוּן דֶעם.

אשר בנחל אידיש סימן שטו

## דער איינציגער וואס האט נישט מורא געהאט צו שרייען קעגן די רשעים

לֹא בְּחִינָם דֶער גְרוֹיסֶער צַדִיק רֶבִּי יִשְׂרָאֵל אַבּוּחַצִירָא (בַּאבָּא סַאלִי) זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אַזוֹי שְׁטַארְק גֶעהַאלְטְן פוּן הֵיילִיגְן סַאטְמָארֶ'ער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ עֶר קוּמְט פוּן מַארוֹקוֹ, עֶר הָאט גֶעזֶעהְן מִיט זַיינֶע אוֹיגְן וִויפִיל צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזֶענְטֶער מָארוֹקַאנֶער אִידְן הָאט מֶען מַעֲבִיר גֶעוֶוען עַל הַדַּת אוּן גֶעמַאכְט פוּן זֵיי גוֹיִים גְמוּרִים, אוּן קֵיינֶער אִין דֶער וֶועלְט הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעוַואגְט צוּ שְׁרֵייעֶן, מְ'הָאט מוֹרָא פוּן דִי רְשָׁעִים, נָאר דֶער אֵיינְצִיגְסְטֶער וָואס הָאט גֶעמַאכְט אַ גֶעוַואלְד אוּן גֶעשְׁרִיגְן אַלֶע יָארְן אִיז גֶעוֶוען דֶער הֵיילִיגֶער סַאטְמָאר רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ דֶערְפַאר הָאט עֶר זֵייעֶר גֶעהַאלְטְן פוּן אִים, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט אוֹיפְן הֵיילִיגְן סֵפֶר "וַיּוֹאֶל מֹשֶׁה" אַז דָאס אִיז הוֹילֶע רוּחַ הַקוֹדֶשׁ (דָאס הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט זַיין גַבַּאי אֵלִיָהוּ אַלְפַסִי זַ"ל, וָוארוּם עֶר הָאט אִים בַּאדִינְט שְׁטֶענְדִיג, הָאט עֶר מִיר דֶערְצֵיילְט זֵייעֶר אַסַאךְ אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע מַעֲשִׂיּוֹת פוּן דֶעם צַדִיק דֶעם בַּאבָּא סַאלִי, אוּן עֶר הָאט שְׁטֶענְדִיג מְשַׁבֵּחַ גֶעוֶוען דֶעם הֵיילִיגְן סַאטְמָאר רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ) וַוייל עֶר הָאט גֶעזֶעהְן וָואס וֶוערְט פוּן דִי אַלֶע עֲדוּת פוּן מַארוֹקוֹ וִויפִיל זֵיי זֶענֶען אַרוֹיפְגֶעקוּמֶען אוֹיף אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל זֶענֶען זֵיי גֶעוָוארְן גוֹיִים גְמוּרִים, מוּמָרִים לְהַכְעִיס רַחֲמָנָא לִשֵׁיזְבָן, אוּן דָאס הָאט אִים זֵייעֶר וֵויי גֶעטוּהְן.

אשר בנחל אידיש סימן שטו

## דער רבי האט פאראויס געזאגט אז עס וועט זיין א מבול פון אפיקרסות

עֶס אִיז בַּאוּוּסְט דֶער סִיפּוּר דָאס דֶער גְרוֹיסֶער צַדִיק דֶער סְקְוִוירָא רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען בַּאזוּכְן דֶעם הֵיילִיגְן סַאטְמָאר רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אוּן עֶר הָאט גֶעזֶעהְן אַז אוֹיף זַיין טִישׁ לִיגְט דֶער הֵיילִיגֶער סֵפֶר "לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן", הָאט עֶר אִים גֶעפְרֶעגְט, אִיר לֶערְנְט דֶעם סֵפֶר?

הָאט דֶער הֵיילִיגֶער סַאטְמָאר רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעעֶנְטְפֶערְט יָא, אִיךְ לֶערְן דֶעם סֵפֶר, אוּן אִיךְ זָאג אַז וֶוער עֶס וִויל זַיין שְׁטַארְק אִין אֱמוּנָה אוּן אִין יִרְאַת שָׁמַיִם זָאל לֶערְנֶען אִין דֶעם סֵפֶר! אוֹיךְ הָאט דֶער הֵיילִיגֶער סַאטְמָאר רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעזָאגְט אוֹיפְן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן דָאס נָאר רֶבִּי נַחְמָן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט פָארְאוֹיס גֶעזָאגְט וָואס עֶס וֶועט זַיין פַאר מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען, דָאס דִי גַאנְצֶע וֶועלְט וֶועט צוּשְׁפְּרֵייט וֶוערְן מִיט מִינוּת וְאַפִּיקוֹרְסוּת.

אשר בנחל אידיש סימן שטו

## די סאטמארע מיידל שולע "בית רחל" האט זיך אנגעהויבן מיט צוויי תלמידות

דֶער הֵיילִיגֶער סַאטְמָאר רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן זַיין מֵיידְל שׁוּלֶע "בֵּית רָחֵל" מִיט צְוֵויי תַּלְמִידוֹת, אוּן עֶס אִיז צֶעוַואקְסְן גֶעוָוארְן אַ גַאנְצֶע אִימְפֶּערְיֶע, קָרוֹב צוּ צֶען טוֹיזֶענְט מֵיידְלֶעךְ כֵּן יִרְבּוּ. דָאס אִיז מְקוּבָּל פוּן צַדִיקִים אַז יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען טוּט מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ אוּן מִיט אֱמֶת, הָאט הַצְלָחָה, אָבֶער



# הילולא קדישא

אויב איינער האט אינזינען זיך, ישועות, פרסום, איז צום סוף פאלט דאס אוועק און ס'ווערט בטול ומבוטל כעפרא דארעא, איבערדעם ווייל קיין שום מוסד וויל נישט אריינעמען אונזערע טעכטער, ווייל זייערע זוהן לערנען אין אונזער תלמוד תורה, זעה איך נישט קיין אנדערע עצה, נאר אויפמאכן א מיידל שולע, מען דארף אנהייבן מיט קליינעם נישט מיט קיין גרויסן סטעפ, וועט מען האבן גרויס הצלחה.

אשר בנחל אידיש סימן שסח

## בזיונות אין צייטונגען קעגן ערליכע אידן

דער הייליגער סאטמאר רב זכותו יגן עלינו האט געזאגט: אויב איין טאג מען שרייבט נישט אויף אים אין צייטונג מיט שפעט און געלעכטער, טוט ער תשובה, ווייל אזוי האט ער מקבל געווען פון פריערדיגע צדיקים, ווארום ערליכע אידן מיז מען באליידיגן און רעדן אויף זיי.

אשר בנחל אידיש סימן רצד

## וואס הייסט א רבי און וואס הייסט א חסיד

א איד האט אמאל געפרעגט דעם הייליגן סאטמאר רב זכותו יגן עלינו, וואס הייסט א רבי? און וואס הייסט א חסיד? האט ער אים געענטפערט, א רבי איז דער וואס ער לערנט גמרא און ברענגט אריין אין זיינע תלמידים זיי זאלן לערנען גמרא, און א חסיד איז דער וואס איז זיך מוסר נפש מקיים צו זיין יעדן סעיף פון שולחן ערוך.

אשר בנחל אידיש סימן שסח

## לערנען מיט מיידלעך הלכות וואס איז נוגע פאר זיי

ברוך ה' איר האט זוכה געווען אויפצושטעלן יעצט א מיידל שולע, וואס עס איז זייער וויכטיג אין אונזער דור, ווי רבינו הקדוש קודש קדשים מסאטמאר זכותו יגן עלינו ברענגט אין זיין הייליג ספר "ויואל משה" (מאמר לשון הקודש סימן מ"א) דאס אין אונזער דור דארף מען אויפשטעלן א בית חינוך פאר מיידלעך, און זיי אויסלערנען דינים וואס איז שייך צו זיי, צום ביישפיל הלכות שבת וואס איז זייער הארב, און דיני ברכות וואס איז זייער וויכטיג, און אנדערע הלכות וואס איז שייך פאר מיידלעך און פרויען, און דער עיקר איז אריינצובריינגען אין זיי פשוטע אמונה אין בורא כל עולמים, און זיי זאלן אפגעהיטן ווערן פון אלע ערליי אבות נזיקין, וואס טוט זיך היינט אויפ'ן גאס, און מען דארף זייער היטן אויף אונזערע טעכטער, זיי זאלן נישט אריינגעכאפט ווערן אין נעץ פון מינים און אפיקורסים און אויסגעלאסנקייט, און מען דארף לערנען מיט זיי ווי זיי זאלן זיך אויפפירן בצניעות עיין שם.

אשר בנחל אידיש סימן שעח

## די גאנצע גאולה הענגט אויף א האר

עס איז באוויסט אז דער הייליגער רבי מנחם מענדיל פון רימאנוב זכותו יגן עלינו האט געזאגט אז די גאנצע גאולה איז תלוי אויף א האר, און ער האט דאס מסביר געווען אז דאס גייט ארויף אויף ווען מען זעהט ארויס אפילו איין האר פון א פרוי, וואס דאס ברענגט אלע צרות און מען פארלענגערט די גלות, און ליידער האט זיך דאס אריינגעכאפט נאכאמאל צווישן די היימישע פרויען, אז זיי לאזן זיך וואקסן די אייגענע האר, וואס דאס איז גאר א גרויסער זינד.

ווער געדענקט דען נישט די דרשות ביי יעדן כל נדרי נאכט וואס דער הייליגער סאטמאר רב זכותו יגן עלינו האט געוויינט און פאפירט פאר די פרויען אז זיי זאלן זיך אפשערן די ביי-האר, און ער האט זיך געבעטן ביי די פרויען זיי זאלן רחמנות האבן אויף זיך און אויף זייערע קינדער, און זיי זאלן זיך אפשערן די האר, ווייל דאס איז זייער א הארבע זאך, נישט ווי מען מיינט אז עס איז א פשוטע חומרה, נאר מען דארף געדענקן אז דער זוהר הקדוש שעלט א פרוי וואס מען זעהט ארויס אירע האר, און אויף דעם טאר נישט דער מאן איינגעבן און זיין א וותרן, נאר ער דארף זיך עקשנ'ען זיי זאלן נישט גיין מיט אייגענע האר, און אזוי אויכעט זיי זאלן נישט גיין מיט אויפפאלענדע קליידער.

אשר בנחל אידיש סימן שעה

## כדי צו טרעפן אמת'ע צדקה דארף מען תשובה טון

ראש השנה און יום כיפור זאגט מען מיט גרויס ווארעמקייט "ותשובה ותפלה וצדקה מעבירין את רוע הגזירה" האט זיך געשטעלט דער הייליגער סאטמארער רבי זכותו יגן עלינו מען ווייסט אז צדקה עפנט אויף אלע טויערן, ווי די חז"ל זאגן (בבא בתרא דף י.) רבי אלעזר יהיב פרוטה לעני והדר מצלי אמר דכתיב (תהלים י"ז ט"ו) אני בצדק אחזה פניך, קודם געבט מען צדקה און נאכדעם דאווענט מען, און דא שרייט מען ותשובה מען דארף תשובה טוהן, ותפלה מען דארף אסאך בעטן, און נאכדעם שטייט וצדקה, עס וואלט דאך געדארפט שטיין קודם צדקה, און נאכדעם תשובה און תפלה?.

נאר ער האט געענטפערט, אז כדי צו טרעפן די





# הילולא קדישא

אֶמֶתְע צְדָקָה, דַארְף מֶען קודֶם תְּשׁוּבָה טוּהְן, און נָאכְדֶעם אַסַאךְ מִתְפַּלֵל זַיין עֶר זָאל נִישְׁט אַרַיינְפַאלְן אִין דִי הֶענְט פוּן פָאפֶּערְס, און נָאכְדֶעם וֶועט עֶר זוכֶה זַיין צוּ גֶעבְּן פַאר אַ אֶמֶתְן צְוֶועק צְדָקָה.

אשר בנחל אידיש סימן תלו

## וועמען זאל מען געבן א קוויטל

וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער סַאטְמָארֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז נָאךְ דִי בַּאפְרַייאוּנְג גֶעפָארְן אויף אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, און אֵיידֶער עֶר אִיז אַוֶועקְגֶעפָארְן פוּן דָארְטְן קַיין אַמֶערִיקֶע אִיז אַרַיין צוּ אִים הָרַב הַחָסִיד הַמְקוּבָּל רֶבִּי אָשֵׁר זֶעלִיג מַרְגָלִיּוֹת זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה און עֶר הָאט גֶעפְרֶעגְט: רֶבִּי! אַז אִיר פָארְט אַוֶועק צוּ וֶועמֶען זָאלְן מִיר אַרַיינְגֵיין נֶעמֶען אַ בְּרָכָה און גֶעבְן אַ קְוִויטְל? הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעעָנְטְפֶערְט, אַז אִיר וֶועט גֵיין אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ און אִיר וֶועט זֶעהְן אַ אִיד שַׁארְט אַרוּיף דִי אַרְבֶּעל און מֶען זֶעהְט עֶר הָאט אַ נוּמְבֶּער וָואס דִי עֲמָלֵקִים הָאבְּן אַרַיינְגֶעקְרִיצְט אִין זַיין הַאנְט, און פוּנֶעדְסְטְוֶועגְן טוּט עֶר אָן תְּפִילִין, פוּן דֶעם מֶענְטְשׁ מֶעג מֶען בֶּעטְן אַ בְּרָכָה.

פְּרֶעג אִיךְ דִיר, אִידְן וָואס זֵיי הָאבְּן נֶעבֶּעךְ אַזוֹיפִיל מִיטְגֶעמַאכְט, אַלֶעם פַארְלוירְן, פוּנֶעדְסְטְוֶועגְן הָאבְּן זֵיי זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ גֶעוֶוען און גֶעבְּלִיבְּן שְׁטַארְק אִין דִי אֱמוּנָה, אִיז דָאס נִישְׁט קַיין וואוּנְדֶער? אִיז דָאס נִישְׁט קַיין גְרוֹיסְקֵייט? אִיבֶּערְדֶעם, מַאךְ זִיךְ נִישְׁט נַארִישׁ, הֵייבּ אָן פוּן נֵיי, און דוּ זָאלְסְט זִיךְ זֵייעֶר זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז דוּ בִּיסְט מְקוֹרָב צוּ אַזַא גְרוֹיסְן רֶבִּי'ן וָואס שַׁיינְט אִין דִיר אַרַיין פְּשׁוּטֶע אֱמוּנָה, און לֶערְנְט דִיךְ אַ וֶועג וִויאַזוֹי זִיךְ אוּמְקֶערְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, מִיט דֶעם דַארְפְסְטוּ זִיךְ זֵייעֶר זֵייעֶר פְרֵייעֶן.

אשר בנחל אידיש סימן תמד

## די שטיינער לייכטן פון די שבת'דיגע ליכט

עֶס אִיז בַּאוִויסְט וָואס דֶער הֵיילִיגֶער סַאטְמָארֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט אויף זַיין פָאטֶער דֶער קְדוּשַׁת יוֹם טוֹב, דֶער טַאטֶע הָאט זִיךְ אַזוֹי אויסְבַּאהַאלְטְן אֲפִילוּ פוּן אוּנְז קִינְדֶער אויךְ, וִוידֶער הָאט עֶר דֶערְצֵיילְט דָאס וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ קְלֵיין אִינְגְל נָאכְדֶעם וָואס דֶער טַאטֶע אִיז גֶעקוּמֶען פוּן דִי מִקְוֶה עֶרֶב שַׁבָּת הָאט עֶר אִים גֶעפְרֶעגְט זֶעהְסְט גָארְנִישְׁט? הָאט עֶר אִים גֶעעָנְטְפֶערְט נֵיין טַאטֶע אִיךְ זֶעה גָארְנִישְׁט, וָואס דַארְף מֶען זֶעהְן? הָאט אִים דֶער פָאטֶער דֶער קְדוּשַׁת יוֹם טוֹב גֶעעָנְטְפֶערְט, דִי שְׁטֵיינֶער לַייכְטְן שׁוֹין פוּן דֶעם שַׁבָּת'דִיגְן לֶעכְט, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער סַאטְמָארֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אויסְגֶעלָאזְט, דֶער טַאטֶע אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין בַּעַל מְגַזֵּם, אוֹיבּ עֶר הָאט דָאס גֶעזָאגְט הָאט עֶר עֶס גֶעזֶעהְן, פוּנֶעדְסְטְוֶועגְן הָאט עֶר זִיךְ אַזוֹי אויסְבַּאהַאלְטְן פוּן אוּנְז קִינְדֶער.

אשר בנחל אידיש סימן תנז.

## מען באקומט צוריק די מצות ומעשים טובים

וִויסְן זָאלְט אִיר אַז אוֹיבּ מֶען טוּט תְּשׁוּבָה, מֶען הָאט חֲרָטָה אויף אַלֶעס וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן און מֶען נֶעמְט זִיךְ פָאר מֶער נִישְׁט צוּ רֶעדְן - דֶעמָאלְט בַּאקוּמְט מֶען צוּרִיק אַלֶע מִצְוֹת און מַעֲשִׂים טוֹבִים. אַזוֹי בְּרֶענְגְט דֶער הֵיילִיגֶער סַאטְמַאר רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ (סֵפֶר דִּבְרֵי יוֹאֵל פַּרְשַׁת מְצוֹרָע, דַף תנא): "אָמְנָם אִם הַמְסַפֵּר לָשׁוֹן הָרָע חוֹזֵר בִּתְשׁוּבָה", אוֹיבּ דֶער וָואס רֶעדְט לָשׁוֹן הָרָע טוּט תְּשׁוּבָה, "אֲזַי שָׁבִים כָּל מִצְווֹתָיו אֵלָיו", דֶעמָאלְט קוּמֶען צוּרִיק אַלֶע מִצְוֹת צוּ אִים, "וְהַכֹּל עַל מְקוֹמוֹ הָרִאשׁוֹן יָבֹא", און אַלֶעס וֶוערְט צוּרִיק אַזוֹי וִוי פְרִיעֶר.

עצתו אמונה אידיש כי תבא לאומאן תש"פ

## אסאך צדקה צוזעקן שאדט נישט

עֶס דַארְף דִיר נִישְׁט שְׁטֶערְן אַז לֶעצְטְנְס זֶענֶען דָא נָאךְ יוּנְגֶעלַייט וָואס נֶעמֶען צוּזַאם גֶעלְט פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פַאר דֶעם בִּנְיָן אִין אוּמַאן, פַאר הַדְפָּסָה, פַאר'ן כּוֹלֵל וְכוּ וְכוּ.

דוּ קֶענְסְט אַוַודַאי דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם סַאטְמַארֶער רֶבִּי'ן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וָואס הָאט גֶעבֶּעטְן אַ רָב אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג צוּ מַאכְן שַׁבָּת אַן אַפִּיל אִין זַיין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ פַאר אַ צְדָקָה צְוֶועק, און דֶער רָב הָאט זִיךְ אַנְטְזָאגְט דֶערְפוּן, עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר קֶען נִישְׁט מַאכְן דֶעם שַׁבָּת אַן אַפִּיל וַוייל פָארִיגֶע וָואךְ שַׁבָּת אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען אַן אַפִּיל פַאר אַ צְוֵוייטֶע צְדָקָה צְוֶועק און מֶען קֶען נִישְׁט בֶּעטְן יֶעדֶע וָואךְ פוּנֶעם עוֹלָם גֶעלְט, הָאט דֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעזָאגְט: "עֶס אִיז פוּנְקְט פַארְקֶערְט, וִוי מֶער מֶען בֶּעט פַאר צְדָקָה, מֶען גֶעוואוֹינְט צוּ דֶעם עוֹלָם צוּ גֶעבְּן אַלְץ מֶער גֶעבְּט מֶען, און וִוי מֶער מֶען גֶעבְּט אַכְטוּנְג נִישְׁט צוּ בֶּעטְן אַלְץ וֵוייניגֶער גֶעבְּט מֶען".

דֶערִיבֶּער זָאל דִיר נִישְׁט שְׁטֶערְן אַז מֶען נֶעמְט צוּזַאם גֶעלְט פַאר נָאךְ צְוֶועקְן וְכוּ,, עֶס וֶועט נָאר הֶעלְפְן אַז דִי יוּנְגֶעלַייט זָאלְן טְרַאכְטְן פוּן תַּכְלִית, צוּ אִינְוֶועסְטִירְן דִי גֶעלְט אִין צְדָקָה.

עצתו אמונה אידיש בלק תשע"ט



# שטעטל נייעס

## סיום הש"ס פון א בחור תלמיד הישיבה ט"ו באב



א הערליכע סיום אויף גאנץ ש"ס איז פארגעקומען דעם פארגאנגענעם ליל שישי פרשת ואתחנן ביים וועכנטליכן שיעור פאר אינגעלייט, פון הבחור תלמיד הישיבה "מרדכי לייב טירנויער" נרו יאיר.

מרדכי לייב איז נישט צו לאנג צוריק אריינגעקומען אין ישיבה, נאכדעם וואס ער האט שוין געהאט געהערט די שיעורים א שטיק צייט, און פון דעמאלט האט ער זיך צוגעכאפט צום סדר הלימוד פון הייליגן רבי'ן און אנגעהויבן זאגן פרקים משניות און בלעטער גמרא, און יעצט איז ער אנגעקומען צום פריידיגן ענדע פון מאכן א סיום הש"ס.

נאכ'ן מאכן דעם סיום האט מרדכי לייב פארגעזינגען דעם הערליכן "אביי ורבא" תורה ניגון אריינגעפלאכטן מיט פרישע גראמען וואס ער האט געמאכט לכבוד די סיום הש"ס, די ווערטער איז ווי פאלגנד:

*ראוי לאדם שיעבור וילך בזה העולם בכל הספרים הקדושים וללמוד כולם,*

*כדאי שיכול להתפאר בעולם הבא שהיו בכל מקום בעולם הזה,*

*וסיפר הרבה הרבה בענין זה שטוב ללמוד במהירות בלי לדקדק,*

*ואמר שאין צריכין בלימוד רק האמירה לבד לומר הדברים כסדר וממילא יבין,*

*איז געקומען מוהרא"ש לעובדא ולמעשה געמאכט,*

*פאר גאנצע פופציג יאר פון דעם געשריבן און גערעדט,*

*געווען שטארק מיט דעם, אפילו גאר אסאך פון אים געלאכט,*
*תלמידי חכמים שוין גאר אסאך געווארן און נאך אסאך וועט.*

***אוי תורה תורה תורה תורה הקדושה,***

***אביי ורבא אביי ורבא קדישא.***

*הייב אן זאגן די גמרא, הער אויף זאגן אז עס האט נישט קיין סברא,*

*דער רבי זאגט מען דארף נישט פארשטיין, אן קיין חזרה, מיט א ניגון א חשבון א קלארע, ווען אין קבר וועסטו ליגן, דעמאלט מיט דיר די תורה וועט מיטגיין.*

*ס'האט נישט גענומען לאנג דאך עס שפירט נישט ווער,*

*אין הדרן עלך זינג איך אויף תלמוד בבלי,*

*נאך פיל יגיעות און מניעות במשך אפאר יאר, ביי מיין סיום הש"ס צום באשעפער זינג איך הללו,*

*פול גוטע אידן געקומען צו מיר געמאכט מיט די הענט,*

*נעע מען האט נישט געהאלטן געגעבן א לאך,*

*חברותות אינגעלייט היינט קענט עטץ רעדן צו די ווענט,*

*נאר מיט די סדר הלימוד זאגן אסאך,*

*ווייל ס'איז שווער פון אנהייב אלעס צו פארשטיין,*

*דעמאלט פאלג די צדיקים און נעם דעם רבי'נ'ס וועג,*

*אז דו לערנסט טיף איז שווערער פון דאס וואס דו ביזט אויף מיט חן, קענסט דאס ניצן ווען עס גייט שווערע טעג.*

***אוי תורה תורה תורה הקדושה,***

***אביי ורבא אביי ורבא קדישא.***

*תהילים חומש משניות כמה וכמה פעמים, בבלי ירושלמי תוספתא נ"ך, רמב"ם טור שלחן ערוך זוהר הקדוש תיקוני זוהר איז דעם רבי'נ'ס זאך,*

*די תורה איז אזוי גרויס האט דער רבי צו רבי נתן געגעבן א שריי,*

*אפילו א מענטש וואס ליגט טיף אין שאול לערנען כך וכך צוריקקומען ווי ניי.*

דערנאך האט מען געהערט גאר א הארציגער שיעור פונעם ראש ישיבה שליט"א וואס איז געווען מלא התרגשות פון דעם סיום הש"ס, "אז ס'איז ביי מיר א יום טוב דעם היינטיגן טאג" - האט דער ראש ישיבה זיך אויסגעדרוקט, און דער ראש ישיבה האט זיך אויסגעדרוקט: "בחורים, מיינט נישט אז מרדכי לייב זיצט א גאנצן טאג איבערגעבויגן איבער די גמרא און רעדט נישט מיט קיינעם, ניין, ער איז א בחור צווישן אלע בחורים, ער טוט אלעס אזוי ווי יעדן, נאר וואס דען, ער האט שכל און ער ניצט אויס די צייט אריינצוכאפן פרקים משניות און בלעטער גמרא.

אויך האט דער ראש ישיבה ארומגערעדט פון חמשה עשר באב וואס ס'הייבט זיך שוין אן שפירן די לופט פון די הייליגע טעג, און לערנען תורה איז די בעסטע הכנה.

דער סיום האט געלאזט א געוואלדיגע רושם אויף אלע באטייליגטע, אלע האבן געמאכט אויף זיך א פעסטע קבלה אז זיי גייען אויך מאכן א שיעור אין ש"ס, און בקרוב מסיים זיין ש"ס.

# היכל הקודש
# נייעס

אומאן

## בנין היכל הקודש ווערט צוגעגרייט פאר ראש השנה תשפ"ג הבא עלינו לטובה



אין די יעצטיגע טעג טוט זיך העפטיגע הכנות אינעם בנין היכל הקודש אין אומאן און בעפארבערייטונגען צום קומענדיגן ראש השנה תשפ"ג, מען ארבעט פון אלע זייטן אהערצושטעלן דעם בנין ווי עס דארף צו זיין.

ביי די טרעפ ארויף צו אלע שטאקן ווערט אינסטאלירט א גוטע שטארקע רעילינג עס זאל זיין אפגעהיטן פון חס ושלום געשעדיגט ווערן ווען מען גייט ארויף און אראפ פון די שלאף צומערן צום בית המדרש און צוריק. אויך ווערט אין די טעג צוגעגרייט די עלעוועיטאר ןאס וועט שטארק פארגרינגערן דאס ארויף גיין און אראפקומען ביים אנקומען אין בנין און ביים אהיים פארן.

צוליב די יעצטיגע מלחמה צושטאנד אין אוקריינא, טאר ביינאכט נישט געזען ווערן קיין שום לעכטיגקייט, ווערט אין אלע צימערן ווערן אינסטאלירט ווינדאוי שעידס כדאי עס זאל נישט ארויס שיינען די לעכטיגקייט ביינאכט. אזוי אויך פילט מען אן די וואסער טאנקען עס זאל זיין גענוג וואסער פאר די גאנצע צייט וואס מען איז דארט.

די חשוב'ע עסקנים וואס זענען געשטעלט געווארן דורכ'ן ראש ישיבה שליט"א ארבעטן גאר שווער אויף אלע פראנטן אז אלעס זאל קלאפן על צד היותר טוב, טראץ דעם וואס דאס יאר איז נישט אזוי גרינג צו באקומען אלעס, דאך פרובירט מען פון אלע זייטן אהערצושטעלן דעם בנין מיט אלעם ארום מיט די בעסטע און שענסטע וואס קען נאר זיין.

אויך ווילן מיר מעלדן אז מען קען שוין דינגען זיצן אין בית המדרש אויף ראש השנה ביים גבאי ר' נחמן נתן קרויס הי"ו 347-404-8738

דער עיקר פון אלעם איז צו בעטן דעם אייבערשטן מען זאל אנקומען און צוריק קומען בשלום, און קענען אהיימקומען מיט ישועות ורפואות פאר זיך און די גאנצע משפחה און פאר גאנץ כלל ישראל.

וויליאמסבורג

## פריש איבערגעמאכט די פלאר אין ישיבה



ברוך השם דער בית המדרש היכל הקודש אין וויליאמסבורג ווערט גאר גוט אויסגעניצט מיט גאר אסאך אקטיוויטעטן אינטער זיך, במילא האט מען אין די יעצטיגע זומער טעג ווען מען געפונט זיך נישט אין שטאט, - און דער בית המדרש אין וויליאמסבורג איז אפגעשפארט - אריינגעכאפט די געלעגענהייט איבערצופרישן דעם בית המדרש, כדי עס זאל זיין פונדאסנייי אויפגעפרישט צו לערנען און דאווענען אזוי ווי עס פאסט פארן רבינ'ס בית המדרש.

ספעציעל האט מען אין אכט גענומען אז דער בית המדרש ווערט ברוך השם גוט אויסגעניצט פאר חתונות פון אנשי שלומינו וואס ווילן נישט אויסבלוטיגן בשעת זייער שמחה, און זוכן נישט צו בארגן פון מענטשן און נאכדעם קיינמאל נישט באצאלן, במילא דארף מען מער אפטער איבערמאכן די פלאר אין בית המדרש.

גלייך נאך זומער וועט טאקע זיין אפאר חתונות אין ישיבה איינס נאכן צווייטן פון קלוגע חתנים און כלות, וואס זאגן פאר די עלטערן "טאטי איך וויל האבן א עכטע פריילעכע טאטע ביי די חתונה אן קיין חובות פון חתונה מאכן".



# "מעשיות פון תפילה"

## פנחס דוד וועבערמאן - קרית ברסלב:

שכח אייבערשטער אז איך בין זוכה צו העלפן די רבי מיט'ן ארבעטן אין קאך פון די מוסדות. איין טאג האט זיך א מאשין וואס טוט גאר אסאך פארגרינגערן די ארבעט זיך צובראכן, איך האב גאר שטארק געבעטן דעם אייבערשטן אז די מאשין זאל שנעל צוריק אנהייבן ארבעטן אזוי וועט מען קענען טון זאכן סאך גרינגער און שנעלער.

שכח אייבערשטער אז נישט לאנג דערויף האט עס אנגעהויבן ארבעטן א מחי' אן קיין פראבלעמען.

## אנשי שלומינו - בית שמש:

די גאנצע חבורה אין היכל הקודש בית שמש האבן זיך אפגעשמועסט אז מען גייט זיך צאמקומען ליל תשעה באב ביי איינער פון אנשי שלומינו צו הערן א שיעור פון דער ראש ישיבה, און זיך מחזק זיין מיט די עצות פון רבי'ן.

ווען מיר זענען אנגעקומען האבן מיר געזען אז די גאנצע בנין איז פארשפארט נאך פון פאר שבת, פארשטייט זיך אלע תלמידי היכל הקודש האבן אנגעהויבן בעטן דעם אייבערשטן מ'זאל טרעפן א וועג אריין אינעם בנין, מיר האבן גערופן די בעל הבית פון די בנין האט ער געזאגט אז ער איז נישט אין בית שמש, מ'האט געטראפן א גאנצע בינטל שליסלען אבער קיין איין שליסל איז נישט געווען פון די בנין, בקיצור - גארנישט האט נישט געהאלפן.

אלע פון אונז האבן זייער שטארק געבעטן דעם אייבערשטן, און נאך א שטיק צייט בעטן דעם אייבערשטן האבן מיר געטראפן א וועג אריין אינעם בנין דורך די פארקינג לאט, און מיר האבן זיך געקענט מחזק זיין מיט די שיעור פון דער ראש ישיבה. שכח אייבערשטער!

## ברוך נויסבוים - בני ברק:

מוצאי שבת קודש ליל צום תשעה באב נדחה, בין איך ארויס פון די דרשה פון רבי אלימלך בידערמאן שליט"א אין תולדות אהרן בית המדרש, ס'איז שוין געווען כמעט צוויי אזייגער ביינאכט, אין איך זע אז סאיז נאך דא באסעס וואס פארט צום שער השמים, איך האב געמיינט אז מן הסתם איז דא באסעס א גאנצע נאכט, האב איך געטראכט אז איך וועל פארן זאגן דארט תיקון חצות, ווען איך בין אנגעקומען אהין האב איך געפרעגט מענטשן ווען ס'איז דער לעצטער באס אויף צוריק, זאגן זיי מיר אז צוויי אזייגער איז די לעצטע באס, און ס'איז שוין געווען בערך צען נאך צוויי, איך געב א שנעלע טראכט וואס צו טון, איך האב מחליט געווען אז איך בין שוין דא גיי איך אריין און דער אייבערשטער וועט העלפן, איך בין טאקע אריין אין געזאגט תיקון חצות, און זיך אויסגעבעטן אויף צער השכינה און העלמת אור הצדיק.

אויפן וועג ארויס, האב איך געבעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל קענען אנקומען גרינג אהיים אן צו דארפן צאלן אסאך געלט, איך גיי ארויס און איך זע אז ס'איז טאקע נישט דא קיין באסעס, איך בעט דעם אייבערשטן, און איך זע דריי בחורים גייען אריין אין א טעקסי, פרעג איך זיי אויב איך קען מיטקומען, זאגן זיי מיר אז יא, און זיי פארן טאקע נישט ווייט פון מיין הויז, איך האב געטראכט אז זיך צוטיילן מיט נאך דריי וועט נישט זיין קיין סאך געלט, אבער דאך האב איך נישט געהאט קיין חשק צו באצאלן אויף א טעקסי, ווען מ'איז אנגעקומען האט איין בחור געצאלט די גאנצע, און ער רופט זיך אן צו מיר אז איך דארף נישט באצאלן.

**סיי וואו איר וואוינט קענט איר איבערלאזן אייער מעשה פון תפילה.**

שיקט אריין אייער מעשה פון תפילה צו 845-379-1161

# א בריוו
## פון מוהרא"ש זצ"ל



**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ג׳ לְסֵדֶר רְאֵה כ״ו אָב ה׳תשע״ב**

שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה יַגִּיעוּ וְיִרְדְּפוּ אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.

**אַוַודַאי און אַוַודַאי זָאג אִיךְ הַיינְט נִישְׁט קַיין תַּחְנוּן**, וָוארוּם הַיינְט אִיז אַ גְּרוֹיסֶער יוֹם טוֹב אִין הִימְל, **יוֹם הַהִילוּלָא דְּרַבֵּינוּ הַקָּדוֹשׁ מִסַאטְמָאר זי״ע** בַּעַל "דִּבְרֵי יוֹאֵל" וָואס וֶוער עֶס וֵוייסְט, הָאט עֶר אָפְּגֶעַראטֶעוֶועט דֶעם גַאנְצְן דוֹר פוּן שְׁמַד פְּשׁוּטוֹ כְּמַשְׁמָעוֹ, כָאטְשֶׁע זֵייעֶר אַסַאךְ וִוילְן נִישְׁט מוֹדֶה זַיין, אָבֶּער אַ מְצִיאוּת אִיז אַ מְצִיאוּת, וֶוען נִישְׁט עֶר וָואלְט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט גֶעכַאפְּט גֶעוָוארְן אִין כְּפִירוֹת און אַפִּיקוֹרְסוּת, עֶר אִיז גֶעוֶוען דֶער אֵיינְצִיגְסְטֶער וָואס הָאט זִיךְ אַרוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט אָן קַיין שׁוּם פַּחַד מְגַלֶּה זַיין דֶעם אֱמֶת אַז דִי רְשָׁעִים זֶענֶען כּוֹפְרִים און מִינִים וְכוּ׳.

וֶוער אַזוֹי וִוי אִיךְ וֵוייס וָואס עֶס טוּט זִיךְ וְכוּ׳, אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַרַיינְגֶעצוֹיגְן אִין אַ שְׁטֶעטְל יַבְנְאֵל, וָואס דָארְטְן אִיז גֶעוֶוען דֶער אוֹשְׁוִויץ פוּן דִי תֵּימָנֶ׳ער אִידְן, און דִי תּוּנִיסֶ׳ער אִיד, און עַד הַיּוֹם וואוֹינֶען דָארְטְן פַארְבִּיסֶענֶע אַפִּיקוֹרְסִים, וָואס עֶס בְּרֶענְט אִין זֵיי דִי רְצִיחָה וֶוען זֵיי זֶעהְן אַזַא קִיבּוּץ אִידְן מִיט אַ צֶלֶם אֱלֹקִים בָּארְד און פֵּיאוֹת, און פְרוֹיעֶן גֵייעֶן מִיט צְנִיעוּת, און וְעַל כּוּלָם אִינְגֶעלֶעךְ מִיט פֵּיאוֹת, דָאס אִיז בַּיי זֵיי אַ דָארְן אִין דִי אוֹיגְן, זֵיי וֶוערְן מְשׁוּגַע פוּן רוֹב רְצִיחָה וְכוּ׳, וּבִפְרַט דֶער שְׁטְרָאף וָואס אִיז אַ פַארְבִּיסֶענֶער צִיוֹנִיתְ׳ט מִיט אַ שְׁטְרַיימְל וְכוּ׳, עֶר אִיז זֵייעֶר שָׁלִיחַ אוּנְז צוּ טוּהְן צָרוֹת וְכוּ׳.

דַאנְקֶען דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאבְּן מִיר שׁוֹין אִין אוּנְזֶער קְהִילָּה דָארְטְן פִיר הוּנְדֶערְט מִשְׁפָּחוֹת, און אִיבֶּער טוֹיזֶענְט קִינְדֶערְלֶעךְ וָואס זֵיי לֶערְנֶען דָארְטְן אִין דִי תַּלְמוּד תּוֹרָה און אִין מֵיידְל שׁוּלֶע, עֶס אִיז אַ נַחַת אָנְצוּקוּקְן וִוי אִין אַזַא וִויסְטֶע פְּלַאץ וואוּ מֶען הָאט מַעֲבִיר גֶעוֶוען עַל הַדָּת, קֶען מֶען הַיינְט מְגַדֵּל זַיין שֵׁיינֶע דוֹרוֹת, מִיט דֶעם זֶעהְט מֶען אַז **מִיט אַ גוּטְן רָצוֹן און מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ און מֵיינֶען אֱמֶת, קֶען מֶען הָאבְּן הַצְלָחָה.**

אִיבֶּערְדֶעם אִיז הַיינְט אַ גְרוֹיסֶער יוֹם טוֹב אִין הִימְל, וָוארוּם דֶער צַדִּיק הָאט מְגַלֶּה גֶעוֶוען דֶעם פַּרְצוּף פוּן דִי פַארְשָׁאלְטֶענֶע רְשָׁעִים וָואס דִי גַאנְצֶע וֶועלְט וָואלְט גֶעכַאפְּט גֶעוָוארְן אִין דִי רַעְיוֹן הַצִּיוֹנוּת וָואס אִיז מִינוּת וְאַפִּיקוֹרְסוּת, אִיבֶּערְדֶעם הַיינְטִיגְן טָאג זָאג אִיךְ נִישְׁט קַיין תַּחְנוּן וָוארוּם **סְ׳אִיז אַ גְרוֹיסֶער יוֹם טוֹב.**

אִיךְ הָאבּ דִיךְ זֵייעֶר גֶעוָואלְט בֶּעטְן דוּ זָאלְסְט זִיךְ הַאלְטְן אִין פְּשׁוּטֶע אֱמוּנָה, און דוּ זָאלְסְט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וָואס דָאס אִיז גֶעוֶוען בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן דֶער עִיקָר פוּן אַלְסְדִינְג, וָוארוּם וֶוען אַ אִיד רֶעדְט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים דוּרְךְ דֶעם וֶוערְט גֶעשְׁטַארְקְט זַיין אֱמוּנָה, אַז וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס עֶר לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארֶען, וֶועט אִיהְם גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט און אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג און אַ גֶעבֶּענְטְשְׁטְן תָּמִיד**

# א שיחה
## פון דער ראש ישיבה שליט"א



## נָאכְגֵיין אַ עֶרְלִיכְן אִיד (חֵלֶק ג׳)

אַז מֶען שְׁטֶעלְט זִיךְ נֶעבְּן דֶעם צַדִּיק אִיז מֶען יֶעדְן טָאג פְרֵיילִיךְ, שַׁבָּת אִיז אַ פְרֵיילִיכֶע טָאג, מוֹצָאֵי שַׁבָּת אִיז אַ פְרֵיילִיכֶע טָאג, און אַזוֹי וַוייטֶער זוּנְטָאג, מָאנְטָאג וְכוּ׳, מֶען שְׁפִּירְט יֶעדְן טָאג דִי שַׁ״י עוֹלָמוֹת, דִי גְרֶעסְטֶע גֶעשְׁמַאק.

עֶס אִיז נֶעבֶּעךְ דָא מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן נֶעבֶּעךְ נִישְׁט קַיין פְרֵיילִיכְקֵייט אִין זֵייעֶר לֶעבְּן, זֵייעֶר גַאנְצֶע שִׂמְחָה אִיז בְּלוֹיז פוּן דֶעם אַז אִין צְוֵויי וָואכְן אַרוּם גֵייט עֶר גֵיין וַואקַאצִיעֶ, אָדֶער אִין צְוֵויי וָואכְן אַרוּם גֵייט עֶר הָאבְּן אַ בַּר מִצְוָה, דָאס טְרָאגְט אִים אוֹיף נָאךְ צְוֵויי וָואכְן, סְתַּם אַזוֹי לֶעבְּט עֶר נִישְׁט, אָבֶּער דָאס אִיז אַלֶעס בִּיז מֶען קוּמְט נֶעבְּן דֶעם צַדִּיק, וֶוען מֶען קוּמְט צוּם צַדִּיק דַאן הֵייבְּט דָאס לֶעבְּן אָן וֶוערְן אַ לֶעבֶּעדִיגֶע לֶעבְּן.

בָּרוּךְ הַשֵּׁם הַיינְט אִיז אַזוֹי גְרִינְג צוּ לֶערְנֶען דֶעם רֶבִּי״נְס סְפָרִים, מוֹהֲרָא״שׁ הָאט עֶס אַרָאפְּגֶעבְּרֶענְגְט אוֹיף דִי הַיינְטִיגֶע שְׁפְּרַאךְ אִין זַיינֶע הֵיילִיגֶע בְּרִיוְון, אִין **׳אֲשֶׁר בַּנַּחַל׳**, און בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז דִי בְּרִיוְון גֵייעֶן וַוייטֶער אָן, דִי זֶעלְבֶּע דִיבּוּרִים זֶעט מֶען אִין **׳עֲצָתוֹ אֱמוּנָה׳**, דָאס זֶענֶען נִישְׁט קַיין תּוֹרוֹת, נָאר וואוּ מֶען קוּקְט נָאר אַרַיין וֶועסְטוּ זֶען עֶפֶּעס וָואס מֶען קֶען נִיצְן אוֹיף לְמַעֲשֶׂה, וָואס אִיךְ הָאבּ יֶעצְט צוּ טוּן.

אַז מֶען לֶערְנְט דִי בְּרִיוְון מַאכְט מֶען אָפּ: ׳אִיךְ גֵיי שׁוֹין רֶעדְן שֵׁיין צוּ מַיין וַוייבּ׳, אִיךְ גֵיי שׁוֹין רֶעדְן שֵׁיין צוּ מַיין טַאטֶע מַאמֶע׳, ׳אִיךְ גֵיי רֶעדְן שֵׁיין צוּ מֶענְטְשְׁן׳; מֶען וֶוערְט גֶעוואוֹיר אַז ׳קֵיינֶער קוּמְט מִיר גָארְנִישְׁט׳, ׳אִיךְ וֶועל יֶעדְן אֵיינֶעם בַּאדַאנְקֶען׳. אוֹיךְ בַּאקוּמְט מֶען אַ פְרִישֶׁע חֵשֶׁק צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, מֶען מַאכְט אָפּ ׳אִיךְ גֵיי לֶערְנֶען אַבִּיסְל חוּמָשׁ׳, ׳אִיךְ גֵיי לֶערְנֶען אַבִּיסְל מִשְׁנַיּוֹת׳.



# א מַעֲשֶׂה
## פוּן אַ צַדִּיק

### זַיי קְלוּג, נִישְׁט גֶערֶעכְט!

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַהֲרֹן, בְּרֶסְלְבֶ'ער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, הָאט אַמָאל גֶעהֶערְט אַ וָוארְט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן: אַמָאל דַארְף מֶען גֶעבְּן אַ פַּאטְשׁ! אוּן עֶר הָאט גֶעדֶענְקְט דֶעם דִיבּוּר. אֵיינְמָאל הָאט אִים אֵיינֶער גֶעטְשֶׁעפֶּעט אוּן עֶר הָאט יֶענֶעם דֶערְלַאנְגְט אַ פַּאטְשׁ.

אָבֶער עֶס הָאט אִים גֶעבַּאדֶערְט אַבִּיסְל פַארְוָואס עֶר הָאט דָאס גֶעטוּהְן, אוּן וְוִיבַּאלְד דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס תַּלְמִידִים זֶענֶען גֶעוֶוען זֵייעֶר צוּגֶעבִּינְדְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן יֶעדֶע זַאךְ וָואס הָאט גֶעבַּאדֶערְט הָאט מֶען אִים פַארְצֵיילְט, אִיז עֶר יֶעצְט אוֹיךְ גֶעקוּמֶען אוֹיסְזָאגְן פַארְן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אַז עֶר שְׁפִּירְט אַז עֶר הָאט גֶעטוּהְן אַ עַוְולָה אַז עֶר הָאט גֶעגֶעבְּן אַ אִיד אַ פַּאטְשׁ, אָבֶער - הָאט עֶר צוּגֶעלֵייגְט - אִיךְ בִּין גֶעוֶוען גֶערֶעכְט. אוּן עֶר הָאט פְּרוּבִּירְט מַסְבִּיר צוּ זַיין פַארְן רֶבִּי'ן פַארְוָואס עֶר הָאט דָאס גֶעטוּהְן.

הָאט זִיךְ דִי הֵיילִיגֶע רֶבִּי אָנְגֶערוּפְן: גֶערֶעכְט זָאלְסְטוּ אוֹיךְ נִישְׁט זַיין?! אִיךְ וֵייס אַז דוּ בִּיסְט גֶערֶעכְט, אָבֶער דָאךְ שְׁלָאגְט מֶען נִישְׁט. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט גֶעמֵיינְט אַז מֶען דַארְף עֶס טַאקֶע אוֹיסְפִירְן.

לֵיידֶער זֶעהְט מֶען מֶענְטְשְׁן וָואס קְרִיגְן זִיךְ נֶעבֶּעךְ יָארְן מִיט דִי וַוייבּ: אִיךְ וֶועל אִיר לֶערְנֶען! אוּן דֶערְוַוייל גֵייט אַוֶועק אַסַאךְ טֶעג אוּן יָארְן מִיט גָארְנִישְׁט, נָאר מִיט פּוּסְטֶע מַחְלוֹקֶת אוּן וֵוייטוּנְגֶען, בְּשַׁעַת אוֹיבּ מֶען הָאט וֶוען נָאר אַבִּיסְל שֵׂכֶל וָואלְט מֶען אַלֶעס גֶעקֶענְט פַארְמַיידְן.

דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ וֶוען מֶען לֶערְנְט אוֹיס אֵיינֶעם דְרֵייוְון, זָאגְט מֶען אִים: זַיי קְלוּג אוּן נִישְׁט גֶערֶעכְט! לְמָשָׁל דוּ זֶעהְסְט אַז אַ מְשׁוּגָע'נֶער עָרֵל קוּמְט צוּ פָארְן אַקֶעגְן דִיר, דְרֵיי זִיךְ אַוֶועק אִין דֶער זַייט, כָאטְשִׁיג דוּ בִּיסְט הוּנְדֶערְט פְּרָאצֶענְט גֶערֶעכְט, וַוייל דוּ בִּיסְט גֶעפָארְן אִין דַיין לִינְיֶע אוּן עֶר אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען אִין דַיין לִינְיֶע, אָבֶער מִיט דַיין גֶערֶעכְטִיקֵייט וֶועסְטוּ קַיין עֶרְגֶעץ נִישְׁט אָנְקוּמֶען, נָאר עֶר וֶועט אִין דִיר אַרַיינְקְרַאכְן. דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ דַארְף מֶען דָאס וִויסְן בַּיי שָׁלוֹם-בַּיִת, אוּן מִיט יֶעדְן מֶענְטְשׁ: "זַיי קְלוּג, נִישְׁט גֶערֶעכְט".

(קונטרס "זיי קלוג")



# דעם רבי'נס נסיעה
## קיין ארץ ישראל

### קאפיטל 44

**פארזעצונג פון פריער:** דִינְסְטָאג, כ"ב סִיוָן, אִיז דֶער רֶבִּי אָנְגֶעקוּמֶען צוּם שְׁטָאט שְׁפָּאלֶע, דָארְט הָאט עֶר גֶעטוֹישְׁט זַיינֶע קְלֵיידֶער וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט בִּיז דֶעמָאלְט זִיךְ גֶעקְלֵיידֶעט וִוי אַ סוֹחֵר וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט. מְ'הָאט אִים אוֹיפְגֶענוּמֶען דָארְט מִיט גְרוֹיס כָּבוֹד אוּן מִיט אַ שְׁטַארְקֶע לִיבְּשַׁאפְט, אוּן עֶר הָאט גֶעמַאכְט אַ גְרוֹיסֶע סְעוּדָה לִכְבוֹדוֹ.

...

זֵיי זֶענֶען גֶעזֶעסְן אִינְאֵיינֶעם בַּיים טִישׁ דִי גַאנְצֶע נַאכְט, אוּן אוֹיךְ אַלֶע זַיינֶע חָשׁוּבֶע מֶענְטְשְׁן זֶענֶען דָארְט גֶעוֶוען, אַלֶע זֶענֶען גֶעזֶעסְן בַּיים טִישׁ לְכָבוֹד דֶער רֶבִּי'ן, אוּן סְ'אִיז גֶעוֶוען דָארְט גָאר פְרֵיילִיךְ.

וֶוער סְ'אִיז נָאר אַרַיינְגֶעקוּמֶען הָאט עֶר יֶענֶעם גֶענוּמֶען פַאר עֵדוּת אוּן גֶעזָאגְט, "דוּ קֶענְסְט עֵדוּת זָאגְן אַז אִיךְ פִיר זִיךְ נִישְׁט גֶעוֶוענְלִיךְ צוּ עֶסְן בִּכְלַל בַּיינַאכְט, נָאר יֶעצְט פוּן גְרוֹיס לִיבְּשַׁאפְט צוּם דֶעם טֵייעֶרְן גַאסְט, וָואס אִיז גָאר שְׁטַארְק בַּאלִיבְּט בַּיי מִיר, אוּן אִיךְ בִּין אַזוֹי פְרֵיילִיךְ אוּן צוּפְרִידְן אַז עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּ מִיר, נָאר דֶערְפַאר עֶס אִיךְ יֶעצְט אַ סְעוּדָה מִיט אִים. אִיךְ וֵייס נִישְׁט וָואס נָאךְ אִיךְ קֶען טוּן פַאר אִים, פַאר גְרוֹיס שִׂמְחָה". אוֹיךְ אִינְדֶערְפְרִי הָאבְּן זֵיי גֶערֶעדְט אִינְאֵיינֶעם מִיט גְרוֹיס לִיבְּשַׁאפְט, וַוייל דֶעמָאלְט אִיז עֶר נָאךְ גֶעוֶוען זֵייעֶר גוּט מִיטְ'ן רֶבִּי'ן.

דֶערְנָאךְ אִיז דֶער רֶבִּי אַוֶועקְגֶעפָארְן פוּן דָארְט, אוּן עֶר הָאט זִיךְ דֶערְמַאנְט אַז עֶר הָאט צוּגֶעזָאגְט פַאר הָרַב הַקָדוֹשׁ רֶבִּי אַבְרָהָם קַאלִיסְקֶער זי"ע, אַז גְלַייךְ וֶוען עֶר קוּמְט אָן קַיין חוּץ לָאָרֶץ וֶוער עֶר פָארְן צוּ הָרַב הַקָדוֹשׁ רֶבִּי שְׁנֵיאוֹר זַלְמָן זי"ע [דֶער בַּעַל הַתַּנְיָא אוּן שֻׁלְחָן עָרוּךְ הָרַב], צוּ רֶעדְן מִיט אִים וֶועגְן דִי גֶעלְט פַאר אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וָואס עֶר פְלֶעגְט צוּזַאמְנֶעמֶען, אוּן עֶר זָאל אוֹיסְגְלַייכְן דִי מַחְלוֹקֶת וָואס אִיז גֶעוֶוען צְוִוישְׁן זֵיי.

דֶער רֶבִּי אִיז גְלַייךְ אַרוֹיסְגֶעפָארְן פוּן וֶועג, עֶר אִיז נִישְׁט אַהֵיימְגֶעפָארְן, כָאטְשׁ וָואס עֶר אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען גַאנְץ נָאנְט צוּ זַיין שְׁטָאט, וַוייל פוּן שְׁפָּאלֶע בִּיז מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע אִיז נִישְׁט מֶער פוּן זִיבֶּעצִיג קִילָאמֶעטֶער, עֶר אִיז אָבֶער גְלַייךְ גֶעפָארְן קַיין לִיאַדִי צוּ הָרַב הַקָדוֹשׁ רֶבִּי שְׁנֵיאוֹר זַלְמָן זי"ע.

דָארְט הָאט אִים דֶער בַּעַל הַתַּנְיָא אוֹיפְגֶענוּמֶען זֵייעֶר שֵׁיין, עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם רֶבִּי'ן עֶר זָאל זָאגְן תּוֹרָה, דֶער רֶבִּי הָאט אָבֶּער נִישְׁט גֶעוָואלְט, הָאט עֶר אַלֵיין אָנְגֶעהוֹיבְּן תּוֹרָה מִיט גְרוֹיס אֲרִיכוּת, אוּן בַּיים סוֹף הָאט עֶר גֶעעֶנְדִיגְט מִיטְ'ן פָּסוּק "רַחֲמֶיךָ רַבִּים ה'" (תְּהִלִּים קי"ט, קנ"ו), אוּן עֶר הָאט עֶס פַארְטַייטְשְׁט, "עֶס אִיז אוֹיף דִיר גָאט אַ גְרוֹיס רַחֲמָנוּת". דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אוֹיף דֶעם, "מִיט דֶעם הָאט עֶר צוּגֶעטְרָאפְן", אוּן זֵיי הָאבְּן אַסַאךְ גֶערֶעדְט צְוִוישְׁן זִיךְ. דֶערְנָאךְ אִיז דֶער רֶבִּי צוּרִיק גֶעפָארְן אוֹיפְ'ן וֶועג צוּ זַיין הוֹיז אִין מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע.

אוֹיפְ'ן וֶועג צוּרִיק פוּן לִיאַדִי, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעהֶערְט אַז הָרַב הַקָדוֹשׁ מְנֶעשְׁכִיז זי"ע אִיז זֵייעֶר קְרַאנְק, אוּן הַאלְט שׁוֹין נָאנְט צוּם הִסְתַּלְקוּת, הָאט דֶער רֶבִּי בַּאשְׁלָאסְן צוּ פָארְן צוּ אִים. עֶר אִיז גֶעפָארְן זֵייעֶר שְׁנֶעל, וַוייל עֶר הָאט זִיךְ גֶעוָואלְט אָנְיָאגְן אִים נָאךְ צוּ כַאפְּן בַּיים לֶעבְּן. דֶער רֶבִּי אִיז טַאקֶע אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אִים מַמָשׁ פִינְף טֶעג פַאר זַיין הִסְתַּלְקוּת, אוּן דִי גְרוֹיסֶע לִיבְּשַׁאפְט אוּן שִׂמְחָה וָואס הָרַב הַקָדוֹשׁ מְנֶעשְׁכִיז זי"ע הָאט גֶעהַאט פוּן דֶעם וָואס דֶער רֶבִּי אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אִים, קֶען מֶען גָארְנִישְׁט בַּאגְרֵייפְן אוּן דֶערְצֵיילְן.



**ציון פונעם הייליגן בעל התניא אין שטאט האדיטש**

יֶעדֶער הָאט גֶעוואוּסְט אַז דֶער צַדִיק לִיגְט שׁוֹין אִין בֶּעט זֵייעֶר קְרַאנְק פַאר אַ לַאנְגֶע צַייט, שׁוֹין אַ הַאלְבֶּע יָאר צַייט לִיגְט עֶר אִין אַ שְׁטוּבּ וואוּ סְ'הָאט נִישְׁט אַרַיינְגֶעשַׁיינְט קַיין שׁוּם לִיכְטִיגְקֵייט פוּן דִי זוּן, וַוייל עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט אוֹיסְהַאלְטְן אֲפִילוּ נָאר אֵיין שְׁטְרַאל פוּן דִי זוּן, אוּן עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶערִירְט פוּן פְּלַאץ. עֶר הָאט גָארְנִישְׁט גֶעקֶענְט עֶסְן, וַוייל עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט לַיידְן אֲפִילוּ דִי גֶערוּךְ פוּן עֶסְן, מְ'הָאט אִים גֶעמוּזְט אִיבֶּערְזֵייעֶן דִי זוּפּ עֶטְלִיכֶע מָאל בִּיז עֶר הָאט עֶס גֶעקֶענְט נֶעמֶען אִין מוֹיל, אוּן בִּכְלַל הָאט נִישְׁט גֶעטָארְט אַרַיינְקוּמֶען אִינֶעם גַאנְצְן הוֹיז קַיין שׁוּם עֶסְנְוַוארְג, וַוייל עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט לַיידְן דִי גֶערוּךְ. עֶר אִיז גֶעהַאט גָאר אַ שְׁוֶוערֶע קְרֶענְק אוּן אִיז גֶעלִיגְן מִיט שְׁרֶעקְלִיכֶע יִסוּרִים. וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז אָבֶּער גֶעקוּמֶען צוּ אִים, הָאט עֶר מַמָשׁ אוֹיפְגֶעלֶעבְּט.

פארזעצונג קומענדיגע וואך אי"ה

על ידי הפצת ספרי רבינו נביא את משיח צדקינו



# הפצה ווינקל

## בְּרִיוו

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת נִצָּבִים, כ"ה אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר.

אַ גְרִיס פוּן דַיינֶע לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט זֵיי מְגַדֵל זַיין צוּזַאמֶען מִיט דַיין וַוייבּ בְּנָקֵל וּבְנַחַת.

וֶוען עֶס קוּמְט אַ נַייעֶ יָאר דַארְפְן מִיר מַאכְן אַ **חֶשְׁבּוֹן הַנֶּפֶשׁ** וָואס מִיר הָאבְן גֶעטוּן דֶעם פַארְלָאפֶענֶעם יָאר פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס וֶועגְן אוּן מַאכְן פְרִישֶׁע קַבָּלוֹת פַאר דִי נַייעֶ יָאר. פַאר וֶוער עֶס פְרֶעגְט מִיר וָואס עֶר זָאל זִיךְ פָארְנֶעמֶען

לְכָבוֹד דֶעם נַייעֶם יָאר, זָאג אִיךְ אִים: "נֶעם זִיךְ פָאר **מוֹסִיף צוּ זַיין אִין הַפָּצָה**, צוּרִיק בְּרֶענְגֶען נָאךְ אִידִישֶׁע נְשָׁמוֹת צוּם דֶרֶךְ הַתּוֹרָה".

אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט אוֹיךְ מַאכְן אַ שְׁטַארְקֶע קַבָּלָה מוֹסִיף צוּ זַיין אִין הַפָּצָה; סַיי **לֵייגְן גִלְיוֹנוֹת** וְכוּ' אוּן סַיי **אוֹיסְטֵיילְן סְפָרִים, קוּנְטְרֵסִים, סִידִי'ס, קַארְטְלֶעךְ** פַאר בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ. זָאלְסְט זִיךְ נִישְׁט צוּטוּן מַאכְן פוּן לֵצִים וָואס רוּפְן אוּנְז אָן מִיט צוּנֶעמֶען וְכוּ', נָאר גְלַייךְ וֶוען דוּ זֶעסְט אַ בָּחוּר זָאלְסְטוּ צוּגֵיין צוּ אִים אוּן אִים מְזַכֶּה זַיין מִיט עֵצוֹת אוּן חִיזוּק פַארְ'ן לֶעבְן, **טְרַאכְט נִישְׁט צִי מֶען קוּקְט... צִי מֶען לַאכְט...**

הַאלְט פַאר דַיינֶע אוֹיגְן וִוי לְמָשָׁל אֵיינֶער דֶערְטְרֶענְקְט זִיךְ אִין וַואסֶער אוּן דוּ הָאסְט דִי מֶעגְלִיכְקֵייט אִים צוּ רַאטֶעוֶוען, וָואלְסְטוּ דֶען גֶעקוּקְט צִי אֵיינֶער קוּקְט? צִי אֵיינֶער לַאכְט? וָואלְסְט זִיכֶער אַרַיינְגֶעשְׁפְּרִינְגֶען יֶענֶעם צוּ רַאטֶעוֶוען.

אִין דֶעם זְכוּת זָאלְסְטוּ הָאבְן אַ שָׁנָה טוֹבָה וּמְבוֹרֶכֶת.

**אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.**



## א מעשה פון הפצה

**א אינגערמאן אין שטעטל פארציילט:**

פאריגע וואך שבת טרעף איך א אינגערמאן אין שטעטל וואס איז געקומען פאר שבת מיטהאלטן א שבת ביים ראש ישיבה, איך גיי צו צו אים געבן שלום עליכם, איך פרעג אים: "וויאזוי ביסטו מקורב געווארן, און וויאזוי ביסטו אנגעקומען דא אין שטעטל?", פארציילט ער מיר: "בערך א חודש צוריק בין איך געווען אין מאנסי, בשעת ס'איז פארגעקומען די "אנשי חיל" קאמפיין, און המפיץ מרדכי לייב נרו יאיר איז געשטאנען דארט ביי א טענט אונטער די היצן צו צאמנעמען געלט פאר די מוסד, און אויך פארקויפט פאר די עולם קונטרסים און USB קארדס פון דרשות, און דער אינגערמאן פירט אויס צו מיר: "דער מרדכי לייב האט שוין גערעדט צו מיר הונדערטער שעות!" פרעג איך אים "וואס? מרדכי לייב האט דיר אוועק געגעבן הונדערטער שעות? מרדכי לייב האט נישט קיין צייט פאר דעם". זאגט ער מיר: "ניין, דער בחור האט קוים אייןווארט גערעדט צו מיר, ער האט געזאגט 'דא האט איר א יו עס בי', אבער די יו עס בי וואס ער האט מיר געגעבן האט שוין גערעדט צו מיר הונדערטער שעות, איך טרעף מיך קלאצנדיג פינף שעה נאכן פארקן די קאר, און איך וויל הערן נאך איין שיעור און איך גיי 'שוין' אריין צו די ארבעט... שכח מפיץ פאר מיין לעבן!"

שיקט אריין אייער מעשה צו 845-379-1161

## נייעס פון קרן הדפסה

### קונטרס פאר תשעה באב

יעדעס יאר ווען עס קומט תשעה באב און מען דארף זיך זעצן אויף דער ערד זאגן 'איכה', טרעפט מען זיך זוכן וואו עס שטייט איכה, וואו שטייט די קינות וואס מען זאגט נאך איכה.

צוליב דעם האט דער ראש ישיבה געבעטן די "רענט קאמפיין" זיי זאלן איסארבעטן צוזאמען מיט'ן בית הדפוס א קונטרס ספעציעל פאר תשעה באב.

אזוי האט מען טאקע געטון, מען האט אריינגעשטעלט דערין 'איכה' און דערנאך די שטיקלעך וואס מען זאגט נאך 'איכה', וואס דאס איז געווען גאר א געוואלדיגע געדאנק פאר תשעה באב וואס מען קומט זיך צאם קלאגן צוזאמען אויפ'ן חורבן און עס איז נישטא גענוג חומשים פאר אלעמען.

אויף קומענדיגן יאר (מען זאל דאס מער נישט דארפן), האפט מען דאס אהערצושטעלן בעסער מיט מער שטיקלעך, עס וועט האבן תיקון חצות ביים סוף און נאך געוויסע שטיקלעך וואס וועט פארגרינגערן פאר'ן עולם צו וויסן וואס מען זאגט תשעה באב.

פאר א ארדער פון קונטרסים און ספרים קענט איר זיך אלעמאל מעלדן צו קרן הדפסה ווי מען איז גרייט אייך צו באדינען מיט די בעסטע סערוויס, רופט אריין 718-387-2691

## בילדער פון קרן הדפסה




USB קארדס הערליך אהערגעשטעלט דורך די בני ברק מפיצים



תלמוד תורה קינדער פון שטעטל באזוכן אין סטודיו



ביים ווייזן פאר די קינדער אלע ספרים וואס ווערן געדרוקט

### אלה יעמדו על הברכה

די טייערע נדבנים וואס האבן גענומען א שיינעם חלק אין הפצת אור רבינו ז"ל די וואך

| | | |
|---|---|---|
| **משה גאטליעב**<br>קרית יואל | **יושע אליעזר גליק**<br>וויליאמסבורג | **אהרן שלמה שווארטץ**<br>סטעטן איילענד |
| **מעכל ראטה**<br>מאנסי | **לייבי ליעבערמאן**<br>טאמס ריווער | **משה שטיינווארצל**<br>בארא פארק |
| **מרדכי אהרן היילפרין**<br>קרית ברסלב | **חיים מיללער**<br>לעיקוואוד | **יואל שניטצלער**<br>קרית ברסלב |
| **שמואל ווייס**<br>בארא פארק | **יוסף מערמלשטיין**<br>מאנסי | **אפרים נובוגרודסקי**<br>לאנדאן |

צו מנדב זיין:

phone: **718.387.2691 103#** email: **donate@kerenhadfusa.org** whatsapp: **347.578.4449**



א סעודה

# מיט'ן ראש ישיבה

## פרייטאג צונאכטס דברים - שבת חזון תשפ"ב

**יעקב האלצער נרו יאיר דערציילט:** שכח אייבערשטער אז איך האב געהאט די געוואלדיגע זכי' צו עסן די סעודה ביי דער ראש ישיבה אין שטעטל, איך וועל אראפשרייבן אביסל וואס איך געדענק.

**איך פיר נישט קיין רעביסטעווע**

דער ראש ישיבה האט זיך אנגעטון די ווייסע בעקיטשע פון זיין זיידע, און דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן: "איך בין נישט קיין רבי, איך פיר נישט קיין רעביסטעווע, האב נישט מורא, איך האב עס באקומען א מתנה פון מיין טאטע ממש פאר זומער, און דער הייליגער אר"י הקדוש שרייבט אז מ'זאל גיין שבת אנגעטון ווייס, פארדעם טו איך עס אן שבת ביינאכט ביז נאך קידוש. איך בין געווען אזוי סאך שעות מיט מיין זיידע, אז איך האב א מורא'דיגע בענקשאפט צו אים".

**א געשמאקע זמירות**

מ'האט אנגעהויבן זינגען זמירות, ס'איז געווען הערליך שיין, אלע קינדער האבן געזינגען צוזאמען, און בעיקר האב איך הנאה געהאט פון די רואיגקייט און געשמאק ביים זינגען זמירות, דער ראש ישיבה איז געזיצן בשעת'ן זינגען זמירות, ס'איז געווען זייער רואיג און געשמאק.

דער ראש ישיבה האט געשמעקט בשמים, און דער ראש ישיבה האט געזאגט: "ווער ווייסט וואס ס'פאסירט ווען מ'שמעקט בשמים? דער רבי זאגט אין ספר המידות אז אויב מ'שמעקט בשמים באקומט מען ערליכע קינדער".

**דאנקן דעם אייבערשטן נאכאמאל**

דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן: "שכח אייבערשטער אז איך האב א פולע לייכטער! מאמי, דו געדענקסט ווען אונז האבן געמיינט אז מיר גייען נישט האבן קיין קינדער?... עפעס א שטיקל משפחה איז געווארן דא..." איינע פון די קינדער האבן זיך אנגערופן: "טאטי, דו זאגסט עס יעדע וואך!" האט דער ראש ישיבה געענטפערט: "איך מאך יעדע וואך קידוש, איך מאך יעדע וואך המוציא אויף צוויי חלות, און איך דאנק יעדע וואך דעם אייבערשטן אז איך האב א משפחה מיט קינדער".

דער ראש ישיבה האט געוויזן פאר זיינע קינדער וויאזוי מ'גיסט אריין די וואסער פון די בעכער אין די באטל, און דער ראש ישיבה האט געזאגט: "קוקטס גוט וואס מ'טוט, ווייל ווען דו וועסט זיין א טאטע זאלסטו וויסן וויאזוי מען פירט זיך".

**הפצה אן אויפהער**

דער ראש ישיבה האט געזאגט: "איך האב גערופן מרדכי לייב נרו יאיר צו די סעודה, ווייל ער גייט הפצה אן אויפהער. א אינגערמאן פארציילט מיר אז ער האט אים ארומגעטראגן הפצה היינט פון אינדערפרי ביז ממש פאר'ן זמן, איך האב מיך נישט געקענט איינהאלטן, איך האב אים געמוזט רופן צו די סעודה".

**די חלה האט א טעם גן עדן**

מ'איז זיך געגאנגען געוואשן, דער ראש ישיבה האט צוריק אנגעטון זיין שווארצע בעקיטשע, און דער ראש ישיבה האט געזאגט: "דו זעסט? איך בין נישט קיין רבי, איך בין א פשוט'ער איד".

ביים אויפשניידן די חלה האט דער ראש ישיבה געזאגט: "די חלה האט א טעם פון גן עדן".

**נישט קויפן מער ווי די פרייז**

דער ראש ישיבה האט פארציילט פון די נייע שטעטל אויף וואס די קהילה ארבעט יעצט, און דער ראש ישיבה האט געזאגט: "איך האב געזען אז די גוי'אישע שכנים דא ווילן מער געלט, האב איך אפגעמאכט אז איך וועל עפענען א נייע שטעטל אין אן אנדערע געגנט אין ליבערטי, זיי קענען זיך האלטן מיט זייערע הייזער. דער גוי קעגן איבער די בית המדרש וויל פארקויפן זיין הויז פאר $170,000, און די הנהלה האט אפגעמאכט אז ס'איז נישט ווערד מער ווי $75,000, איך האב געוואלט קויפן די הויז פאר מיינע קינדער, אבער אז די הנהלה זאגט אז ס'איז נישט ווערד די פרייז קויף איך עס נישט, ער קען בלייבן דערמיט.

**פארוואס האט מען א שטעטל?**

איך האב געבויעט די שטעטל פאר צוויי סיבות, איינס,

<<<<

איך וויל אינגעלייט זאלן האבן דירות פאר ביליג, און צווייי, ווייל איך וויל אנשי שלומינו זאלן זיין צוזאמען, אויב זענען די דירות צו טייער, האב איך גארנישט פון דעם. אויך קענסטו זען זייער א אינטערעסאנטע זאך, אין די לעצטע שטיק צייט האבן זייער אסאך מענטשן אנגעהויבן בויען שטעטלעך, אבער זייער ווייניג האבן זיך אויסגעארבעט, און דא זעט מען א שטעטל, קוים דריי יאר אלט, און ס'וואוינען שוין דא איבער הונדערט משפחות, א תלמוד תורה, א מיידל סקול, א גראסערי, וכו', ווען ס'וואלט געווען מער דירות וואלט שוין געווען אסאך מער מענטשן, און מענטשן וואונדערן זיך "וואס איז די סוד פון די הצלחה פון די שטעטל?", די תירוץ איז אויב מ'מיינט כבוד, מ'מיינט געלט, קען עס נישט האבן קיין הצלחה".

### בויעט אן קיין אייגענע אינטערעסן

מ'האט ווייטער געשמועסט פון די הייזער אין שטעטל, און מ'האט אנגעהויבן רעדן פון דער אינגערמאן וואס בויט די דירות אין שטעטל, און דער ראש ישיבה האט געזאגט: "ער איז מיר זייער געטריי, ס'איז דא מענטשן וואס רעדן אויף אים אבער ער העלפט מיר אן קיין חשבונות, אן קיין אייגענע אינטערעסן. איך געדענק די ערשטע מאל איך האב אים געזען ווען איך בין געווען אין קרית יואל צו טראגן מיין ווייב צו אשת חיל נאכן געבוירן מיין זון נחמן נתן נרו יאיר אין שנת תש"ע, איך בין געגאנגען צום בית המדרש היכל הקודש אין קרית יואל, און ער איז מיר זייער געפאלן. נאכן שיעור איז ער צוגעקומען צו מיר און מיר פארציילט: "איך בין יעצט אריין אין קאנסטראקשן און די ביזנעס מאכט נישט קיין געלט, מ'האט מיר פארגעשלאגן צו מאכן דעליווערים פאר גאר שיין באצאלט, זאל איך צומאכן די ביזנעס?" איך האב אים געענפערט ער זאל בשום אופן נישט צומאכן זיין ביזנעס, און ברוך השם היינט איז ער שיין מצליח".

### ליבערטי עיר ברסלב

דער ראש ישיבה האט גערעדט פון די שיינקייט פון שטעטל, אז מ'דארף נישט וואוינען יעדער אויף איין פלאץ, אינדערוואכן קען מען פארן מיט א קאר, און שבת קען מען מאכן עקסטערע מנינים. דער ראש ישיבה האט געזאגט: "איין טאג וועט גאנץ ליבערטי זיין א ברסלב'ע שטעטל. וואס מיינט ליבערטי? ליבערטי מיינט פריי, מ'טיילט נישט איין וואס צו טון, אין שטעטל איז די זעלבע זאך, מ'טיילט נישט איין פאר מענטשן וואס צו טון".

### תפילה איז די אקסידזשען

מ'האט סערווירט די זופ, און איינער האט זיך אנגערופן אז די זופ איז זייער גוט, האט זיך דער ראש ישיבה אנגערופן: "אונז לייגן אריין פינף זאכן אין די זופ, וואסער, פלייש, מייערן, סקוואש, און זאלץ". האט זיך איינער אנגערופן: "תפילה לייגט מען אויך אריין", האט דער ראש ישיבה געזאגט: "תפילה? תפילה איז די אקסידזשען, אן תפילה איז גארנישט דא. די אלע עסן פון די סעודה איז נאר גוט ווייל די גאנצע קאך דרייט זיך ארום תפילה".

### אויפבויען די קינדער

איך האב באמערקט אז דער ראש ישיבה האט געהאלטן אין איין אויפבויען זיינע קינדער מיט זאגן גוטע ווערטער. ווי למשל איין קינד רופט ער "יוסף מוקיר שבת", איין קינד הייסט "די כשר'ע מענדל רוטה", און אזוי ווייטער...

דער ראש ישיבה האט פארציילט: "איך בין היינט געווען אין חדר, און איך האב געזען ווי וואויל יצחק דוד איז, איך בין אריין אין קלאס און איך האב זיי געזאגט: "ווער איז דער וואוילער אינגל יצחק דוד? איך גיי מוזן דערציילן פאר זיין טאטע ווי שיין ער פאלגט אין חדר..." אויך בין איך געווען אין סקול, און איך האב געזען ווי וואויל רחל לאה איז, איך בין אריין אין קלאס און איך האב זיי געזאגט: "ווער איז די וואוילע מיידל רחל לאה? איך גיי מוזן דערציילן פאר איר טאטע ווי וואויל זי איז אין סקול..."

### רעדן צו יעדן זיין שפראך

דער ראש ישיבה האט געזאגט: "איך האב געזאגט פאר די מיידלעך אז תשעה באב קען מען נישט עסן א טאן אוו נאש", איינע פון די קינדער האבן געפרעגט "וואס מיינט א טאן?", האט דער ראש ישיבה געענטפערט: "ס'איז א ווארט פון די מיידל'ישע שפראך. ס'איז דא א אינגעל'ישע שפראך, און ס'איז דא א מיידל'ישע שפראך".

### פרייליכקייט ביים סעודה

אינמיטן די סעודה זענען די קינדער אריינגעקומען פארשטעלט אויף אינטערסאנטע וועגן, און זיי האבן געזונגען: "א מחי' א גרויסע משפחה, יעדע בעבי' נאך א הצלחה". ס'איז געווען זייער פרייליך.

איך האב אזוי הנאה געהאט פון די סעודה, די לופט דארט איז נעקסט לעוועל, וויאזוי דער ראש ישיבה מאכט די סעודה שטרענג, פרייליך, און היימיש אויף איינמאל.

איך האב געהאט א געוואלדיגע עונג שבת יעדע רגע וואס איך בין געווען ביים סעודה, עס האט זיך געשפירט טעם גן עדן אויף דער וועלט.

# נקודות טובות

געהערט פון אנשי שלומינו

## בליצן און נאטיצן אויפן לעבן צו ניצן

**ישראל קרויס זאגט:**

תשעה באב ביי קריאת איכה האט דער דיין שליט"א געזאגט זייער א שטארקע ווארט: "שבעה עשר בתמוז הייבט זיך אן די דריי וואכן, דעמאלט דארף מען ממעט זיין אין זאכן פון שמחה, דערנאך קומט די ניין טעג דעמאלט ווערן די הלכות הארבער, מען טאר נישט וואשן קיין וועש, און מען טאר זיך נישט צו באדן, מען טאר נישט עסן קיין פלייש און טרינקען וויין.

נאכדעם איז שבוע שחל בו תשעה באב, וואס דעמאלט זענען די הלכות נאך הארבער. שפעטער קומט דער קלימאקס ערב תשעה באב, וואס דעמאלט טאר מען שוין נישט לערנען פון נאך חצות.

נאכדעם ווען עס קומט שוין תשעה באב אליין, זעט מען זייער א אינטערעסאנטע זאך, תשעה באב ווערט אנגערופן א יום טוב (ווי חז"ל דרש'נען אויפ'ן פסוק קרא עלי 'מועד') מען זאגט נישט קיין תחנון, און אפילו ערב תשעה באב שחל בשבת זאגט מען נישט קיין 'צדקתך'.

תשעה באב וואלט דאך שוין געדארפט זיין דאס מערסטע אבילות, און דא זאגן אונז די חז"ל אז תשעה באב איז גאר א יום טוב? האט דער דיין געזאגט: "דאס דארף אונז לערנען א מורא'דיגע התחזקות פאר'ן לעבן, אסאך מאל א מענטש פאלט אריין אין אזא פלאנטער, עס ווערט אים שווערער און ביטערער, אדער א מענטש פאלט אריין אין עבירות, ממש ער זעט שוין נישט קיין וועג ארויס, דער מענטש פילט ווי עס איז שוין ממש ערב תשעה באב, ער קען נישט מער, דעמאלט ווען עס איז אים אזוי ביטער, און ער געבט זיך איבער צום אייבערשטן, דייקא דעמאלט קומט אן די ישועה, דעמאלט ווערט אלעס איבערגעדרייט פאר א יום טוב.

**אייזיק ראטה וויליאמסבורג זאגט:**

זייענדיג איינער וואס איז עוסק אין הפצה, דורך ארויסשיקן שטיקלעך פון די דרשות פונעם ראש ישיבה שליט"א, איז מיר געווען גאר א וויכטיגע לימוד דאס וואס דער ראש ישיבה האט געשריבן אין א בריוו צו די מפיצים, אז מען זאל אכטונג געבן נישט חס ושלום ניצן די שיעורים אויף צו פליקן און שטעכן אנדערע מענטשן, נאר מען זאל אלעמאל זוכן צו שיקן זאכן וואס מענטשן קענען האבן דערפון חיזוק אין לעבן, זאכן וואס מאכן אז מענטשן זאלן זיך שטארקן אין אמונה וכדומה.

ווי דער ראש ישיבה פירט אויס אין א בריוו, אז אויב מען שיקט זאכן וואס טוען ווי"י מענטשן קען מען עס נישט רופן חיזוק יומי נאר פליקן יומי...

**חיים שלום קרויס - ירושלים עיה"ק געבט איבער:**

דא אין ארץ ישראל איז דא א געוואלדיגע

תשוקה, יעדער טראכט: הלוואי קען איך זיין נעבן דעם ראש ישיבה און הערן שיעורים, מיטהאלטן די שמועסן.

איך, אלס איינער וואס האט געלערנט אין ישיבה, און יעצט וואוין איך ווייט פונעם ראש ישיבה, קוק איך אן פון אן אנדערן קוק ווינקל, מען זעט דא ביי אונז אין ארץ ישראל, דייקא ווייל מען איז ווייט פונעם ראש ישיבה, קאכט מען זיך מער מיט די בריוון, מיט די עצות פונעם ראש ישיבה, הלוואי זאל מען אין אמעריקע אזוי שטארק לעכצן נאך יעדע ווארט פונעם ראש ישיבה, הלוואי זאלן די בחורים אין ישיבה און די אינגעלייט וואס דרייען זיך אין ישיבה אזוי טרינקען מיט דורשט די חיזוק און די עצות, אזוי שטארק ווי מען זעט עס אין ארץ ישראל.

נישט חס ושלום צוצוגלייכן די מעלות פון איין פלאץ צום אנדערן, נאר דאס דארף זיין א וועיק-אפ קאלל פאר אונזערע ברודער אין אמעריקע זיי זאלן וויסן וואס זיי פארמאגן.

### א אינגערמאן האט אריינגעשיקט צום בלעטל:

ווען איך דערמאן זיך די ביטערע טעם, די עצבות און מרה שחורה וואס איך פלעג אריבער גיין אין די טעג פון די בין המצרים, מען האט עס אריינגעגעבן אין אונז מיט א געוואלדיגע שרעק, און עצבות. עס האט מיר געלאזט אזא שלעכטע טעם אז די טעג זענען שלעכטע טעג, טעג וואס מען איז חס ושלום ווייט פונעם אייבערשטן.

אויך ווען איך האב געלערנט די אלע זאכן פון חורבן בית המקדש, די גמרות, אדער די פרקים פון נ"ך האט מיר עס אלעמאל געמאכט דיפרעסט, און קשיות אויפן אייבערשטן.

ברוך השם זייט איך בין מקורב געווארן צום רבי"ן דורך די הייליגע עצות פונעם ראש ישיבה איז דאס וויינען אויך מתוך בענקשאפט נישט מתוך עצבות און דיפרעשן, נאר מיט האפענונג אז דער אייבערשטער איז דא און ער טוט אלעס, און ווען מען וויינט איז עס ווייל מען פארלאזט זיך אויפן אייבערשטן אז ער וועט טון און ער טוט דאס בעסטע פאר אונז.

פאר די טעג פון די ימי בין המצרים אליין האט זיך געלוינט מקורב ווערן צום רבי"ן.

### ישראל קרויס זאגט:

דער דיין שליט"א האט זיך גע׳ווערטל׳ט אויף די פולע שאלות וואס זענען אריינגעקומען אום תשעה באב, ווען און וואס און ווי מען מעג לערנען אום תשעה באב.

האט דער דיין געזאגט: "זאלן די אלע אידן געדענקען אז מען קען ׳אויך׳ לערנען, פון היינט נאכט 9:35 נאך די זמן ביז נעקסטע יאר ערב תשעה באב ביי חצות... אין דעם איז אויך אריינגערעכנט ליל ניטול וואס אין ברסלב האט מען אפילו דעמאלט אויך געלערנט".

שיקט אריין אייער נקודה צום מערכת דורך
אריינרופן 845-379-1161
אדער דורך אימעיל
breslevofficeliberty@gmail.com

# נאך וועם הייס איך?

**איך הייס:** נפתלי וועבערמאן נ"י קרית ברסלב

**נאך:** מיין עלטער זיידע הרה"ח ר' נפתלי ראזענפעלד עליו השלום

## אביסל איבער אים

ביי די מלחמה איז ער געווען אין די אונגארישע מיליטער, פסח איז ער אנגעקומען אין רוסלאנד, ער איז ארויס זוכן וואו צו מאכן די סדר נאכט, למעשה איז ער אנגעקומען ביי א ברסלב'ע חסיד אין שטוב, ער פלעגט אלץ פארציילן אז ער קען נישט פארגעסן דעם געשמאקן סדר וואס ער האט געהאט דארט.

נאך די מלחמה האט אים האדמו"ר מתולדות אהרן זי"ע געבעטן צו עפענען א היים פאר יתומות - בית לפליטות, און איבער די יארן האט ער אויפגעצויגן הונדערטער יתומות און שפעטער אויך געעפענט פאר זיי א קימפעטאר[ן] היים זיך אפצורוען נאכן האבן א קינד.

נאך די מלחמה האט מען אים געוואלט אויפנעמען צו זיין רב אין בראזיל, איז ער געגאנגען פרעגן זיין רבי בעל שומר אמונים זי"ע, האט אים זיין רבי געזאגט ער זאל נישט פארן אויף בראזיל, פון דעמאלט איז ער מער נישט געפארן קיין בראזיל, אפילו ווען ער איז ארום געפארן די גאנצע וועלט זאמלען געלט פאר בית לפליטות איז ער קיינמאל נישט געפארן קיין בראזיל, צוליב דעם וואס זיין רבי האט אים אנגעזאגט נישט אהין צו פארן. ער האט גאר שיין מכבד געווען די באבע, אזוי ווייט אז דער תולדות אהרן רבי זי"ע פלעגט זאגן פאר פרישע אינגעלייט אז מען זאל זיך גיין לערנען פונעם זיידן שלום בית.

איך האף צו אויפוואקסן אזוי ווי דעם זיידן.

**געשריבן דורך:**
*יואל וועבערמאן - קרית ברסלב*



**אויפן בילד:**
**"די זיידע מיט גאב"ד ירושלים זי"ע אינעם בנין פון בית לפליטות"**

# מעשה פון תפלה פאר קינדער

**יוטא וועבערמאן תחי' פון קרית ברסלב פארציילט:**
איך האב געוואלט גיין אליין א ווייטע וועג צו א חבר'טע שפילן, אבער איך האב אביסל מורא געהאט, האב איך געבעטן דעם אייבערשטן






געמאלן דורך: מ. וועבערמאן



# טרעף
## די פאלגנדע ווערטער

ריבונו של עולם, ווילאנג נאך וועל איך
טון נארישקייטן, האב רחמנות אויף
מיר איך וויל זיין אן ערליכער איד.

| | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| י | ר | ג | ר | ד | ר | נ | ז | ה | ו | ב | ר | ק | ו | ת | י | ס | פ | ח | ס | ג | ב | ס |
| כ | ח | צ | י | ח | י | ת | ט | ט | ע | ז | ז | נ | ס | ר | מ | ק | ט | ל | צ | ת | ע | ד |
| ק | ע | א | מ | ע | מ | ס | נ | י | ס | כ | ה | ח | כ | ד | ק | ג | ר | ר | ט | ש | ג | ה |
| ט | א | נ | ל | ח | ר | ת | פ | ה | י | ש | ו | ת | י | פ | נ | ח | ו | ע | ק | א | פ | ל |
| כ | ו | ר | ס | ע | ד | נ | ה | ג | ל | ק | ה | ג | ק | ע | ה | ע | ר | כ | מ | ש | צ | ב |
| ת | י | ע | ד | ש | ו | ס | ה | מ | פ | ו | ש | ג | א | צ | כ | ת | ג | י | צ | נ | ר | מ |
| ב | פ | ר | ק | י | ע | ו | פ | ק | ג | ג | ז | י | צ | נ | פ | א | מ | ל | ו | ע | ג | ט |
| ק | ר | ה | ל | ט | פ | נ | ו | ה | נ | ס | ח | ת | ר | ע | ר | ע | נ | ר | ש | ק | ע | ז |
| ז | ע | א | ע | נ | א | ו | ש | א | ט | ו | מ | ב | א | א | ת | ד | פ | ע | ש | ט | נ | פ |
| ב | ש | ג | ש | ג | י | ב | ל | ב | ת | כ | י | ת | ג | י | נ | ט | ט | י | ע | ט | י | ש |
| ש | מ | פ | פ | ל | כ | י | כ | ג | ז | ק | י | ה | ב | ק | כ | ט | ר | נ | פ | ס | ב | נ |
| ס | ע | ש | ג | י | ו | ר | ע | מ | ת | א | פ | ב | ק | ו | ד | ש | ס | א | ו | ק | ל | י |
| ש | כ | ס | א | ו | ת | ז | נ | ו | ט | ז | כ | ע | נ | י | י | ז | פ | ז | ו | ו | צ | ט |

העלף נחמן נתן טרעפן זיין פאספארט
צו זיין גרייט צו פארן אויף ראש
השנה צום הייליגן רבי'ן






# סודאקא

| | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|
| | 2 | | | 4 | |
| | 4 | | | | |
| | 1 | | | | |
| | | | | 2 | |
| | | 4 | 3 | | |
| 6 | | | | | 1 |

| | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| | 5 | 8 | 9 | 3 | 7 | 1 | 6 | |
| | | 7 | 4 | 2 | 1 | 3 | | |
| | | 3 | 5 | 8 | 6 | 9 | | |
| | 3 | 4 | 8 | 5 | 2 | 6 | 7 | |
| 8 | | | | | | | | 9 |
| 2 | | 1 | | | | 5 | | 8 |
| | | | 2 | 1 | 5 | | | |
| | | 9 | | | | 2 | | |
| | | | 6 | 9 | 8 | | | |




# א שיעור מיטן רבי'ן

## אמת

**לו.** **עַל יְדֵי שְׁקָרִים אֵין לוֹ רְפוּאָה אֲפִלּוּ בְּהַרְבֵּה רְפוּאוֹת.**

**טייטש.** אוֹיבּ מֶען זָאגְט לִיגְנְט, וֶוערְט מֶען נִישְׁט אוֹיסְגֶעהֵיילְט אֲפִילוּ מֶען נֶעמְט אַסַאךְ מֶעדֶעצִינֶען.



# חידות אפטיילונג

**די הייליגע חכמים זאגן: צדיקים נאך זייער פטירה**

א. זענען זיי גרעסער ווי ווען זיי האבן געלעבט

ב. פארגעסט מען פון זיי

ג. פארגעסן זיי פון די תלמידים

ד. לאזן איבער תלמידים

שאלה און ענטפער פון פאריגע וואך:

**שאלה:** וואס איז די גרויסע שמחה פון חמשה עשר באב?

**ענטפער:** אין דעם טאג איז געווארן שידוכים

דער געוואונער פון פאריגע וואך איז
**אליער שלמה שטיינבערג - קרית ברסלב**
שיקט אריין די ענטפערס **מיט אייער נאמען** צו 845-379-1161

# האסטו דורך געלערנט עצתו אמונה פרשת ואתחנן?

## פון אויבן אראפ.

1. בזכות די מצוה פון כיבוד אב ואם, וועט איר זוכה זיין צו לעבן א _____ לעבן
2. א נשמה קומט אראפ אויף די וועלט _____ יאר, צו קענען מחי' זיין א איד
3. _____ גוטע זאכן וואס דער אייבערשטער טוט מיט אייך
4. די ארבעט פון א _____ איז אויפצוזוכן גוטס ביי יענעם
5. _____ לייזט אויס דעם מענטש פון אלע גלות'ן
7. באמת הערט דער אייבערשטער אויס יעדע _____ פון יעדן איד
8. דער רבי האט גרינגע _____ זוכה זיין צו טרעפן א שידוך
9. דאס וויכטיגסטע זאך אין לעבן איז האבן א _____ _____
13. דער רבי איז דער גרעסטער און בעסטער _____ און דאקטער
14. איך האב א תלמיד אין _____, ער איז דארט א מפיץ

## פון רעכטס צו לינקס.

5. א שאד אזא שיינע _____ זאל צעפאלן צוליב אזא שטות
6. איך האף דו ביסט אויך _____ ביי דיר אין שטוב
10. אז מען _____ זיך צום אייבערשטן, ליידט מען נישט
11. דער הייליגער רבי פלעגט זאגן פאר יעדע מצוה דעם _____ _____
12. דער וואס _____ אנדערע, ווערט אפגעהיטן פון שלעכטס
14. נעם נישט קיין אמט פון _____ ארויסשיקן מענטשן
15. די אלע וואס האבן זיך _____, האבן זיך נישט דערהאלטן
16. שבת דארף מען זיין זייער _____
17. לאכט זיך אויס פון דעם, _____ מיט אמונה



### די ענטפערס פון פאריגע וואך



# אַ רייזע מיט פּישְׁל





געברענגט צו
אייך דורך

# אנשי חיל

גענומען
מיט רשות פון
"קינדער שפיל"

4






פארזעצונג
קומענדיגע
וואך אי"ה

# קלאסיפיידס




BUY AND SAVE

Store hours:

Sun -thurs 10:00 a.m.- 7:00 p.m.

Friday 10:00 a.m.-2:00p.m.

Monday special night hours open till 11:00 p.m.

Drop off hours is the same time

---

א שיינע געשמאקע
דירה אין
שטעטל צו פארדינגען
פאר זומער שבתים

ביטע רופט
יעקב יאקאבאוויטש
347-641-3618

---

איין רומיגע דירה
אין שטעטל אויף
האשקי גאס, צו
פארדינגען פאר
זומער שבתים

ביטע רופט
אברהם הערש וועבערמאן
845-492-0566

---




## Catskill Messenger Service

**מיר טראגן פעקלעך טעגליך**
**קעטסקילס, בלומינגבורג, קרית יואל און מאנסי.**
**און צוריק ביינאכט**
**מאנסי, קרית יואל, בלומינגבורג, קעטסקלים, און קרית ברסלב ליבערטי.**
**פרובירט צו רופן א נאכט בעפאר**
**ברוך אפעלדארפער**
**914–705–9524**

---

ברית גמ"ח

מאכט איר א ברית?
מיר האבן אלע קליידער
ספעציעל פאר א ברית

רופט משפחת בוים
347-831-4727

---

Electrolysis, Tinting, Waxing

Please call

N. A. Appeldorfer

845-537-9681

# פרייליכע נייעס!

איר קענט באקומען דעם שטארק אויפגעכאפטע וועכנטליכע

קרית ברסלב בלעטל

יעדע וואך ביי אייער טיר




פאר בלויז $3.99

תוכנ'דיג און ציענדיג

וואס איר וועט נישט טרעפן אין ערגעץ

אדרבה איבערצייגט אייך אליין

צו סובסקרייבן רופט יעצט אריין

אדער שיקט א טעקסט צו:

## 718·387·2691

SUBSCRIBE@KERENHADFUSA.ORG

282 · DESIGN | 845.406.4250




# בילדער
## אפטיילונג




מלמדים מיטינג ווי מען שמועסט אדורך וואס מען קען אלס פארבעסערן די קינדער זאלן מצליח זיין




פיינע פרישע חלות ארויס פון אויוון אין קאך פון די מוסדות אין שטעטל, פאר די חשובע בחורים לכבוד שבת




B&H DRYGOODS ווערט אין די טעג שיין אהערגעשטעלט פאר די געברויך פון די איינוואוינער




עצתו אמונה פארברענג אין לאנדאן




דער ראש ישיבה באזוכט אין כולל היכל הקודש אין שטעטל, און כאפט א תורה'דיגע שמועס מיט די לומדים




סיום אין תלמוד תורה היכל הקודש קרית יואל




מנהל ר' אברהם משה שטראססער הי"ו ביים לערנען
מיט די בחורים אין וואלד




מען רוקט זיך פאראויס מיט די קאנסטראקשן ארבעט
ביים אפגעקויפטן בנין הארט נעבן דעם תלמוד תורה







סיום משניות 202 מאל פונעם מלמד ר' יחזקאל סאמעט
הי"ו - ואתחנן תשפ"ב







ישיבת קאליש באזוכט אין שטעטל - ה' ואתחנן




סיום הש"ס פון הבחור המפיץ מרדכי לייב טירנויער הי"ו
ליל ששי ואתחנן תשפ"ב


קרעדיט: יוסי פּרערויא

לחיים פון החתן שמואל אייכנשטיין הי"ו עב"ג ר' שמואל לייב פעלבערבוים הי"ו - ליל ששי ואתחנן


קרעדיט: הענעך אינדיג

לחיים פון החתן שמעון בן ר' נחמן ניישטיין הי"ו עב"ג מנהל תלמוד תורה ר' מרדכי אינדיג הי"ו - א עקב


קרעדיט: שמוליק בלעדי

הערליכע מסיבה פארן בית התבשיל אין קרית ברסלב זונטאג עקב תשפ"ב





הערליך צוגעגרייט מתנות און פיינע מאכלים פאר אלע חשובע משתתפים



דער ראש ישיבה באטייליגט זיך ביים בית התבשיל מסיבה



א בליק פון אויבן ביים בית התבשיל מסיבה



ביים ווייזן פאר׳ן ראש ישיבה א הערליכע פלאקאט פון
אלע סיומים משניות און גמרא פון תלמידי ארץ ישראל



# מנחת ביכורים

מ ה רבו רגשי הלב בחרדת ידיים, בהיותנו מגישי מנחה אל מעיין החיי מ
ש ש אנוכי על אמרתך אהבת התורה להרגיש, ומנחה זו בחדוותא נגי ש
נ ופך ליבנו נתון כזר זהב בהתרגשות וחוסן, לפני מי שחייו למעננו נות נ
י ותר ממה שכותב כאן יש בנו השמים עדי, בהיותנו שותים בצמא בלי ד י
ו ממימיו של ראש הישיבה נשתה שתו, בצילו נחיה על ישראל הדרת ו
ת מימות דרך אותנו מנחיל בחמימות, ללמדנו להתהלך עמו בתמימו ת

מתוך התרגשות גדולה, קדם האיש אשר על העדה, מאיר עינינו בדרכו להנחיל של כ״ק מוהרא״ש זי״ע בתורתו המקודשת של רבנו זי״ע, נחל נובע מקור חכמה. להנחותנו הדרך וללמדנו לחסות תחת צל השכינה, לחיות מיט׳ן אויבערשט׳ן ולקדש ימינו ולילותינו בלימוד התורה, בכל רגע פנוי

עמוד האש ההולך לפני המחנה

## מורינו ראש הישיבה שליט״א

על ישראל הדרתו, לבני ישראל הדרכתו

כבר אמרו חז״ל שכל המביא דורון לתלמיד חכם, כאילו הקריב ביכורים. בזאת נרצה להביא דורון של מעלה, את כל פרקי המשניות ודפי הגמרא אשר זכינו ללמוד עד השתא בזכות ראש הישיבה שליט״א, מאז זכינו להתקרב לאורו הבהיר, יחדיו נשגר כדורון, את אשר למדנו

## 264,565 דפי גמרא
## 1,503 ששה סדרי משנה

מורנו ראש הישיבה שליט״א. כל מה ששלנו – שלכם הוא!

ת קבל נא מנחתנו בברכות לרוב, כלפי ראש הישיבה לנו החו ב
ל התפלל לפני שוכן מרומים הא-ל הטוב, עד שיבה עוד ינו ב
מ תורת רבנו הקדוש לנו ינחיל, בפרקי משניות וגמרא אותנו להאכי ל
וד ור ודור עד עולם לה׳ הוחילי, בביאת המשיח בשמחת גיל י

מאיתנו שותי בצמא את דבריו

תלמידיו דמן ארץ הקודש

| | ש״ס משניות | דפי גמרא |
|---|---|---|
| אבא חייא רייזמאן | 36 | 1025 |
| אברהם יהודה לוינזון | 7 | 168 |
| אברהם קליין | 18 | 2915 |
| אברהם רוזן | | 120 |
| אהרן ויזעל | 22 | 480 |
| אהרן יהודה פארקאש | | 5 |
| אהרן קופמאן | 6 | 2711 |
| אהרן שווארץ | 21 | 800 |
| אהרן שלזינגר | 6 | 209 |
| אלחנן זויבערמאן | 6 | 380 |
| אלי לב | 1 | 550 |
| אליעזר בר״י רוט | 1 | 8 |
| אליעזר שלמה בוים | 16 | 900 |
| אפרים שמעון בלומענקראנץ | 37 | 5785 |
| ארי סגל | 2 | 335 |
| אריה יצחק פעדער | 23 | |
| אשר האלטאבסקי | 28 | 1479 |
| אשר ראנד | 19 | 5436 |
| בן ציון בר״י קלעצקין | 11 | 1605 |
| בן ציון בר״ש קלעצקין | 21 | 1678 |
| בנימין הופמאן | | 891 |
| בעריש קרויס | 20 | 3911 |
| ברוך מרדכי יעקובזון | 3 | 900 |
| ברוך נוסבוים | 5 | 794 |
| גדליה בלר | 19 | 2300 |
| דב בער סלמנוביץ | 68 | 2711 |
| דב ברכה | 1 | 241 |
| דב קליין | 15 | 890 |
| דוד אנשין | 6 | 900 |
| דוד פוקס | 16 | 1722 |
| דוד שמעון לוינזון | 9 | 2874 |
| הערשל קלויזנר | 2 | 50 |
| זאב בר״י רוט | 3 | 224 |
| זלמן ויזעל | 11 | 3362 |
| חיים ברייער | 20 | 894 |
| חיים דוב דאויד | 1 | 736 |
| חיים יעקובוביץ | 27 | 6705 |
| חיים מרדכי אייזנבאך | | 210 |
| חיים קלצקין | 5 | 963 |
| חיים שלום קרויס | | 2015 |
| יהודה מאשקאביטש | 3 | 4545 |
| יהושע העשיל דובדבני | 23 | 2711 |
| יהושע סופר | 1 | 172 |
| יהושע קלצקין | 3 | 876 |
| יואל גאלדנבערג | 13 | 1715 |
| יואל קליין | 5 | 590 |
| יואל רוזנאי | 7 | 900 |
| יודעלע בריל | | 2711 |
| יוחנן שור | 40 | 5090 |
| יונתן שווארץ | | 650 |
| יוסל סאקס | 11 | 900 |
| יוסף הלל קאפשיץ | 8 | 5506 |
| יוסף כ״ץ | 6 | 1162 |
| יוסף פאנעט | 2 | 368 |
| יוסף קעניג | 18 | 1600 |
| יחזקאל צדיק | 7 | |
| יעקב אריה רובין | 24 | 3522 |
| יעקב בלאך | 7 | 3696 |
| יעקב גוטמאן | 16 | 1393 |
| יעקב זונדל קעלער | 6 | 1500 |
| יעקב מאיר קורנבליט | 2 | |
| יעקב סאמעט | 6 | 1601 |
| יצחק וואקסבערגער | 8 | 612 |
| יצחק ידידיה באנעט | 2 | 535 |
| יצחק מארמארשטיין | 12 | 4096 |
| יצחק נתן פילמער | 7 | 3011 |
| יצחק פאפנהיים | 8 | 2409 |
| יצחק צוקער | 4 | 206 |
| יצחק רוט | | 60 |
| יקותיאל יהודה וויינגארטען | 13 | 1382 |
| ישראל אלבוים | 7 | 2423 |
| ישראל בר״נ יאקאבאוויטש | 2 | 653 |
| ישראל גרומאן | 26 | |
| ישראל דוד ברוקמאן | 19 | 889 |
| ישראל וואלערשטיין | 4 | 323 |
| ישראל לוין | 4 | 980 |
| ישראל סופר | 9 | 950 |
| מנחם בר״ש גרומאן | | 731 |
| מנחם יעקובזון | 8 | 3611 |
| מנחם סאלמענאביטש | 40 | 1032 |
| מנחם ראבינאביטש | 2 | 280 |
| מנשה קאפל | 10 | 70 |
| מרדכי אלבוים | 4 | 350 |
| מרדכי ווערטהיימער | 2 | 1105 |
| מרדכי לעווינסאן | 13 | 577 |
| מרדכי פערל | 1 | 6 |
| משה אליהו קעניג | 4 | 128 |
| משה אריה גרויז | 3 | 1113 |
| משה בלענדער | 3 | 794 |
| משה בר״נ יאקאבאוויטש | 13 | 750 |
| משה בריל | | 423 |
| משה גראס | 30 | 63708 |
| משה הרשטיק | 17 | 900 |
| משה וויינבערגער | 5 | 709 |
| משה וויינבערגער | 8 | 1950 |
| משה זילבערמאן | 2 | 1505 |
| משה ראזענבערג | 127 | 7222 |
| משה רובינפעלד | 2 | 323 |
| משה שמואל בערלין | 2 | 850 |
| נח לעווין | 16 | 1733 |
| נחמן יעקב קליין | 5 | 900 |
| נחמן יצחק רעכניצר | 5 | 1236 |
| נחמן פילמער | 2 | 100 |
| נפתלי גאלד | 1 | 514 |
| נפתלי רייכמאן | 48 | 2496 |
| נתן ליכט | | 154 |
| נתנאל לב | 9 | 1008 |
| שלמה בר״י קלצקין | 2 | 562 |
| שלמה בר״י רוזענבערג | 4 | 750 |
| שלמה בר-לב | 3 | 572 |
| שלמה גרומאן | 1 | 900 |
| שלמה זאלדאן | 9 | 1133 |
| שלמה חיים ווייס | 9 | 1500 |
| שלמה טייטלבוים | 6 | 550 |
| שלמה יאקאב | 16 | 900 |
| שלמה מינצבערג | 1 | 900 |
| שלמה צבי פערל | 19 | 10,800 |
| שלמה קליין | | 80 |
| שלמה קלעצקין | 34 | 2160 |
| שמואל אייזיק פערל | 7 | 3600 |
| שמואל בר״י קלעצקין | 20 | 3141 |
| שמואל בר״ש קלעצקין | 5 | 86 |
| שמואל מרדכי יאקאבאוויטש | 72 | 3611 |
| שמואל פאללאק | 23 | 3100 |
| שמואל תפילינסקי | 4 | 5000 |
| שמעון בר״נ יאקאבאוויטש | 1 | 125 |
| שמעון גרינפעלד | 1 | 65 |
| שמעון ניימאן | 7 | 783 |
| שמעון עוזר פערל | 25 | 4396 |
| שמעון פאללאק | 4 | 900 |
| שמעון פרענקל | 9 | 3737 |
| שמעון ראזענבערג | | 50 |

אויפן פארלאנג פון די **JCC of SULLIVAN COUNTY** וואס העלפט אונז כסדר ארויס מיט אישוס פון אונזער דעוועלפמענט

# בעטן מיר אייך,

# גייט ארויס שטימען

אזוי ווי איר זענט רעגיסטרירט צו וואוטען:

נעמט אראפ פון אייער צייט בלויז פאר אייער טובה

מען קען ארויסגיין שטימען אין מאנטיסעלאו, אנגעהויבן פון:

## זונטאג Aug. 14 ביז זונטאג Aug. 21

אינעם גאווערמענט בילדינג

**100 North St. Monticello NY 12701**

**שעות: זונטאג מאנטאג מיטוואך און פרייטאג 9-5 | דינסטאג און דאנערשטאג 12-8**

**אדער אינעם אפיציעלן וואל-טאג**

## דינסטאג Aug. 23

**אין אייער לאקאלע וואל צענטער**

**פאר טראנספארטאציע**
אין די טאג פון די וואלן, ביטע רופט:
**845.791.3008**

ומתן שכרה בצדה: נעמט אהיים א הערליכע מתנה'לע פאר אייער פאמיליע ווען איר גייט ארויס שטימען פאר א בעסערע עתיד פאר זיי און פאר אייך!

אכטונג עלטערן: שיקט צוריק א צעטל מיט אייער קינד אז איר זענט געגאנגען שטימען, און ער וועט באקומען א באזונדערע מתנה.

די קאנדאמיניום באורד